

הערר קאָמפּאַניעץ אין דער ראָליע פֿון לפּידות,

פערלאג „ווארשעווער אידישער טעאטער"
א. ג. קאמפאניעץ.

№ 1.

בן הדור

היסטארישע אפערעטא אין 4 אקטען

פון הארוויץ.



ווארשא, תרס"ז.
דרוקעריי נ. סטאראוואלסקי, גענשע 18.

БЕНЪ ГАДОРЪ

Оперета въ 4-хъ дѣйствіяхъ.

Соч. И. Горвича.

Тип. Н. Старовольскаго, Гусья 18.


פֶּערְזָאנֶען:



שַׁלְמוֹן בֶּן עִמָּנוּאֵל	קֶענִיג פוּן חָבוּר	48 יאָהר.
צִפּוֹרָה	זַיין פְרוֹי	40 „
בֶּן הַדּוֹר (פּרִינץ)	זַייעֶר זוּהן	24 „
חָנוּן שלמונ׳ס (ברודער)	קֶענִיג אִין תֵּימָן	40 „
עֲלָמוֹת	זַיין טאָכטֶער	20 „
רְחָמָה	אִיהר קאַמֶער-מַיידֶעל	17 „
לַפִּידוֹת	הויף דִינֶער, א שכּור	45 „
צִירְעָה	זַיין פְרוֹי	40 „

אָמוֹן פאָלק אַנפִיהרֶער; פריהֶער בַּיי שלמון, שפּעטֶער בַּיי חנון, געגֶען 56 יאָהר.

מִילִיטֶער, תַּלְיָנִים, 2 פֶערבּרעכֶער, פִישֶער, מַיידלעך און פאָלק.



ערשטער אקט.

וואלדונג, שײַטערהויפֿען, פֿאָלק, סאָלדאַטען און 2 פֿעראורטײַלטע.
אַלע טרעטען אויף אונטער אַ טרויער מאַרש.

כאר: אֵל רַחוּם וְחַנּוּן
שיִטצע דײַנע קינדער פֿון דעם
פֿײַנד
מיִר בעטען דיִך אַלע,
רעטע דײַנע קינדער פֿון דעם
טוידט.
אונשולדיִג זענען זײַ אַציִנד,
מיִר אַלע בעטען,
פֿערגיִעב זײַ זײַערע זיִנד,
אונשולדיִג זענען זײַ אַציִנד,
רעטע דײַנע קינדער פֿון טוידט
אֵל רַחוּם וְחַנּוּן!
שיִטצע דײַנע קינדער פֿון דעם
טוידט.
מיִר בעטען דיִך אלע
רעטע זײַ פֿון טוידט
רעטע זײַ פֿון דעם טוידט
פֿון דעם טוידט.

אויפֿטריט אָמון.

אמון: ליִעבע ביִרגער אונד טאַפּפֿערע קריִעגער פֿון חָבור, הערט דעם בעפֿעהל אײַערעס קעניִגס (לעזט) וויִרדיִגער קראַפֿט דעם קעניִגס! גאָט איִז מײַן צײַגע, דאַס איִך איִן דען טודיט אײַערעס קעניִגס, שלמון בן עמנואל פֿון חבור, קײַנע שולד האַבע. איִך ליִעפֿערע אײַך דיִ 2 מערדער, וועלכע זײַן הײַליִגעס בלוט פֿערגאָסען האַבען, וועהרענד ער מיִט מיִר צוזאַמען געגען אונזערע פֿײַנדע דיִ אַראַבער איִן באַגדאַד אויף דעם שלאַכטס פֿעלד געקעמפּפֿט; דיִעזע זאָלען אויף מײַנען בעפֿעהל היִנגעריִכ־טעט ווערדען, און מיִט איִהרעם בלוט זאָל דער פֿערדאַכט רײַן

געוואַשען ווערדען. דער מיך בעשולדיגט, אַן איַערעם קעניגע זעלבסט די האַנד געלעגט צו האַבען. (צום פערזאַמלונג) האָט איהר נאָך וואָס צו איַער פערדעכטיגונג פאָר צו ברענגען?

באר: זיי זענען אונשולדיג!

אמון: שאַרפריכטער! טהוט איַער בעפעהל (פון קוליסען, שלמון זינגט) איך הערע אַ שטימע, די אַן מיר איינען שרעקליכען גערַאַנק אויפוואַכט. וויר וואָלען מיט דער עקזעקוציאָן וואַרטען ביז וויר דען מאַן נעהער בעטראַכטען ווערדען (קוקט אַרוים) עס איזט איין גרייז, ער זאָל דיעזע הינריכטונג ניכט אַנזעהען! פערשטעלט די אָפּפער! (געשיהט).

שלמון: (אַלס בעטלער מיט פינאַלע) נון האָט דיעזער אַלטער בעטלער מיט זיין ליעד איַערע הערצער אין שטיין פערוואַנדעלט? האָב איך איַך אפשר איַער שמחה פערשטערט? איז היינט עפעס אַ יום־טוב אין חביר? יאַ, יאַ, מיר דאַכט זיך ווען איך האָב קיין טעות, איז היינט דער געבורטס־טאָג פון קעניג שלמון, היינט ווערט ער 40 יאָהר אַלט.

אמון: ריכטיג 40 יאָהר היינט, ל"ג־בעומר איז געוועזען זיין געבורטס־טאָג. (לויט) דו שיינסט איין פריינד אונזערעס גאָט זעליגען קעניג שלמון בן עמנואל צו זיין, און עס טהוט מיר לייד דיר די טרויעריגע נאַכריכט מיטצוטיילען, דאַס דער קעניג שלמון לענגסט טוידט איזט. היער זינד די 2 פערברעכער, די זיין היילינגעס בלוט פערגאָסען, און אויף בעפעהל אונזערעס נייען קעניגס, זאָלען די ביידע זאָבאַלד הינגעריכטעט ווערען.

שלמון: זעהר עדעל פון איַער קעניג. אַבער צו קאָן איך די מערדער זעהען?!

אמון: לאָזט די מערדער פאָרטרעטען (געשיהט).

שלמון: (בעטראַכט זיי) האַ, האַ, האַ, האַ, דאָס זענען די מערדער דעם קעניגס?! איך שווער ביי גאָט! אז זיי זעהען נישט אוים ווי מערדער.

אמון: דו שווערסט ביי גאָט?

שלמון: איך האָב אין מיין לעבען נאָך קיין מאָל פאַלש געשוואָרען.

אמון: וואָס ווילסט דו דאַמיט געזאַגט האָבען?

שלמון: דו פֿרעגסט מיך וואָס איך מיין דאַמיט צו זאַגען? האָט שוין דאָס פֿאָלק פֿון חָבוּר זייער אַלטען מִנהָג פֿערגעסען? — ווען אַ מענש איז פֿון אַ מענשען צום טאָדט אַלס פֿערברעכער פֿעראורטהיילט געוואָרען, זאָל מען איהם, ווען ער פֿיהלט זיך אונשולדיג, געבען פֿאַר דער שטראַפֿע געלעגענהייט גאָט צו בעטען, וועלכער ווייסט אַלע סודות, ער זאָל זיין אונשולד בעוויזען, דאַמיט וואָס ער וועט פֿון הימעל די ענגעל זענדען דאָס פֿייער צו פֿערלעשען.

אמון: רעכט האָסטו אַלטער, עס זאָל אויך געשעהן. (צו די מערדער) איהר פֿעראורטהיילטע! עס שטעהט אייך דאָס רעכט פֿריי — תְּפִלַּת הַגֶּשֶׁם מִתְפַּלֵּל צו זיין, ער זאָל אייער אונשולד בעווייזען, מיט דעם דאָס ער דאָס פֿייער לעשען ווירד. איהר קאָנט זעלבסט דיזעס געבעט פֿערריכטען, אָדער וועהלט אייך אויס צו דיזען צוועק איינעם פֿון דאָס פֿאָלק.

פאלק: דער אַלטער זאָל פֿאַר זיי בעטען.

אמון: ערווירדיגער גרייז, די פֿעראורטהיילטע וועהלען דיך פֿיר זיי בעטען, פֿיהלסט דו דיך גענוג קרעפֿטיג דאַצו?

שלמון: יאַ! דאָך זאָל דאָס פֿאָלק מיטבעטען מיט מיר.

אמון: הַזָּקֵן מַתְחִיל בִּתְפִלָּה.

באר: הערף אונז אין דער נויט! מיר בעטען דיך גאָט!
בעטען דיך אַצינדער, מיר דיינע קינדער,
און דיין זעגען! שיק אונז יעצט דיין רעגען,

שלמון: בעווייז אונז דיין גבורה! וואָס דו האָסט אונז בעוויזען אַמאָל.

באר: דיינע קינדער ישׂראל, דיינע קינדער ישׂראל (מוזיק).

שלמון: און מיר וועלען זינגען.

באר: צו דיר שירה.

שלמון: זְכוֹר הַנּוֹלָד. געדענק אונז גרויסער גאָט פֿון אברהם יצחק ויעקב — אין אונזער תפלה בעטען מיר קשוב! (מוזיק).

שיק אונז דיין ברכה און הצלחה, וועט זיין שיר ושְׁבָחָה.

אמון: רבש״ע דו הערר פון דער וועלט,
מיר בעטען דיך רעגען, שנעל שיק פון דיין געצעלט,
אז מיר זאלען ניצול ווערען פון ביטערען טוידט. שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ד׳ אֶחָד! (מוזיק)

באר: שיק אונז דיין ברכה והצלחה, וועט זיין שיר ושבחה,
אוי, אוי, בעבורו, אוי, אוי, אל תמנע מָיִם.
צייג אונז געשווינד, בצדקם חון חַשְׁרַת מָיִם. (באר ווידערהאלט)
בעוויז אונז דיין גבורה! (מיט באר, בים שירה).

שלמון: מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם. (באר) לברכה ולא לקללה!
(דער באר טאנצט).

שלמון: ערווירדיגער מאן, איך פיעל מיך זעהר מיעד און שוואך,
קענסטו מיר נישט פערשאפען א שטיקעל ארט וואו
זיך אפצורוהען, איך זאל כח האבען ווייטער צו וואנדערען!

אמון: געה אלטער, דא נישט וויט איז מיין געצעלט, געה
רוה זיך אוים.

שלמון: איך דאנק דיר פיר דיין חסד! (אב).

באר: האך לעבע דער
קעניג חנן,
חנן דער מעכטיגער העלד,
ער זאל געזונד און שטארק
נאר זיין
ער איז דאך אונזער קריעגער
ער איז אונזער זיעגער

יא! נאר ער איז אונזער
זיעגער
ער זאל נאר תמיד בעגליקען
יא! בעגליקען
יא! בעגליקען
האך לעבע, האך!
האך לעבע, האך.

אויפטריט חנן.

חנן: אמון! זענען די פערברעכער שון פערברענט געווארען,
לויט איך האב בעפעהלט?

אמון: דער שופט צדק האט דיין בעפעהל צוריק גערופען,
דורך איין הימעל־וואונדער איז דער אונשולד בעוויזען
געווארען!

חנן: (בעז) זאָ, וואָס וואַגען מײַנע אונטערטהאַנען, אין מײַן געגענוואַרט צו בעהױפּטען?! זאַגע, ווער האָט עס מײַנעם בעפֿעהל צו ווידערשפּרעכען געוואַגט!?

אמון: די שטימע גאָטעס האָט דורך דאָנער און בליץ צו דעם פֿאָלק געשפּראָכען.

חנן: און ווער בעוואַגט דאָס פֿאָלק אויף דיזע שטימע צו הערען?

אמון: ניין, מײַן קעניג, עס וואַר איין אַלטער בעטלער דער דאָס פֿאָלק פֿון דעם מנהג ערזאָגערט, און אויף זײַן געבעט שיקט אויך גאָט רעטונג.

חנן: ווער וואַר דיזער בעטל'ער, דער דיזעס וואַגט!? אויף אָרט און שטעלע זאָל איהם דאָס שיקזאַל דעם קעניגס מערדער טרעפֿען!

אמון: ער וואַר איין שליח פֿון גאָט, מײַן קעניג...

חנן: איין בעטריגער.

אמון: איין איש אלהים.

חנן: איין ניכטס-ווירדיגער.

אמון: איין נביא.

חנן: וואָס? מײַן פֿאָלק וואַגט עס מיר צו ווידער-שפּרעכען? נון גוט, ענטפֿערנעט אײַך אַלע.

אלע: (אָבנעהענדיג) פֿאָלקס-שטימע איזט גאָטעס שטימע (אָב).

חנן: אָמון, בלײַבע, זאַגע מיר פֿערדיען איך האַסס דעם פֿאָלקס? וואָס טהו איך דען ניכט, אום מיט אײַך, אין פֿריעדען צו לעבען. באַלד ווי אײַער קעניג ערמאָרדעט געוואָרען, שטעל איך דען אַנטראַג, דאָס זײַן זאָהן, דער פּרינץ בן הדור, מיט מיר די הערשאַפֿט איבערנעמען זאָל, אָבער ער פֿערוויי-גערטע עס. נאָך מעהר, ער פֿעראייניגט זיך מיט אונזערע פֿיינדע אום געגען מיך צו קעמפֿפען. איך לאָז מיר די קעניגען וויטווע ברענגען, בעט זי מיט מיר צו הייראַטען, די הערשאַפֿט מיט מיר צו טײלען, דאָך אויך זי וויעז מײַנען אַנטראַג צוריק; שוין 10 יאַהר, דאָס זי אין מײַן שלאָס וואָהנט, אונד נאָך וויליגט זי ניכט איין, מיר איהר האַנד צו רײַכען, יעדאָך דער מעכטיגער

קעניג חנן ווירד ניכט מעהר לאנגע מיט זיך שפאסען לאסען. האבע איך רעכט אמון?

אמון: איך וויל האפען, דער קעניג ווירד גנאדע פיר רעכט ערגעהען לאסען.

חנן: נון, ווער איזט דיעזער בעטלער, דער דאס פאלק געגען זיין קעניג אויפגערייצט האט?

אמון: דא קומט ער, מעגע דער קעניג זעלבסט מיט איהם שפרעכען.

אויפטריט שלמון.

חנן: (שלמון קומט) ניט מיט מיר, נאר מיט מיינען דעגען וועט ער שפרעכען (ציהט ערשרעקט צוריק) דיעזע געשטאלט, דער גייסט מיינעס ברודערס, דאך זיי עס ווער עס וויל, ער דארף ניכט לעבען. זאג אלטער ווער ביזטו?

שלמון: איך בין דער קעניג פון חבור.

חנן: (אמון ערשראקען) דער קעניג פון חבור?!

שלמון: נו, וואס האט איהר זיך אזוי ערשראקען?! נישט פאר יעדען קעניג, דארף מען מורא האבען, איך בין דער קעניג פון די בעטלער; אראביען איזט בעריהמט מיט זיינע בעטלער, און איך בין זייער קעניג.

חנן: דו ביזט קעניג דער בעטלער, אונד וואס מאכסטו דא?

שלמון: איך בין געקומען אויסבעטען, דאס לעבען פון אונ-שולדיגע מענשען.

חנן: דאס איזט פיר איין בעטלער, איין צו גרויסעס פער-לאנג.

שלמון: איך בין אבער דער קעניג דער בעטלער.

חנן: אונד ווער האט דיך צו איהרעם קעניגע געמאכט?

שלמון: דער קעניג אלער קעניגע.

חנן: אלטער, דו האסט וואהל געפונדען, אונד איך ערלייבע דיר שטעטס אין מיינעם קעניגליכען הויף צוווילען—אונד

אַלעֶס וואָס פוּן מייַנעֶם טישעֶ אַבּפאַלט זאָל קייִנעֶם אַנדעֶרעֶן אַלס נור דיר אַליין געֶהעֶרעֶן.

שלמון: ניין, איך בּעֶטעֶל ניכּט פיר מיר, איך בּעֶטעֶל שטעֶנדיג נור פיר מייַן פאָלק.

חנן: אונד וואָפאָן אַלזאָ לעֶבּסטו זעֶלבּסט?

שלמון: 17 יאַהרעֶ האַבּעֶ איך אויף איינעֶר אינזעֶל געֶלעֶבּט פוּן האָפעֶן אוּנד בּעֶטעֶן.

חנן: געֶנוּג. אָמון, איך וויל דעֶר אַלטעֶר זאָל נאָך מייַנעֶם שלאָס אין תֵּימָן געֶבּראַכט ווערדעֶן. היער שטעֶהט איין שיף, וועֶלכעֶס איהם אויף צוּנעֶהמעֶן וואַרטעֶט. לעֶבּעֶ וואָהל, אַלטעֶר, אין פעֶרלויף פוּן 3 טאַגעֶ וויל איך דיך אין מייַן שלאָס זעֶהן. לעֶבּעֶ וואָהל, אָמון, איך וויל פּינקטליכעֶ עֶרפילוּנג מייַנעֶס בּעֶפעֶהלעֶס. (אַבּגעֶהעֶנד) דעֶר אַלטעֶר קומט מיר זעֶהר פעֶרדעֶכטיג פאָר, דאָס שיף מוּס מיט איהם צוזאַמעֶן פעֶרבּרעֶנט ווערעֶן (אָבּ).

אמון: ניין, ניין, לעֶנגעֶר האַלט איך עֶס ניכּט אויס... מייַנעֶ אויגעֶן טוישעֶן מיך... אָבּעֶר מייַן העֶרץ זאַגט מיר דאַס דוּ בּיזט מייַן קעֶניג שלמון בּן עבינוּאֵל...

שלמון: (אָמון קניעט) שטעֶה אויף! אַזוי ווי דוּ ליגסט יעֶצט פאַר מיר, בּיסטוּ עֶרשט געֶלעֶגעֶן פאַר איין טיראַן, וואָס עֶר האָט זיכעֶר אייעֶר קעֶניג עֶרמאָרדעֶט, און האָט די קעֶניגעֶן בּיי זיך געֶפאַנגעֶן, אוּנד דעֶן רעֶכטס-מעֶסיגעֶן קראָהן-פרינץ בּן הדור האָט עֶר פילייַכט געֶוואָלט עֶרמאָרדעֶן.

אמון: אָבּעֶר ווי קומט עֶס, מייַן קעֶניג, דאַס דוּ זאָ פעֶר-שטעֶלט בּיזט, דאַס קיין מעֶנש, זעֶלבּסט דיעזעֶר טיראַן, וואַרעֶן דיך צוּ עֶרקעֶנעֶן ניכּט אימשטאַנדעֶ.

שלמון: אַלזאָ העֶרעֶ... אָמון... פאַר 17 יאַהרעֶ, ווען איך בּין מיט איהם צוזאַמעֶן אין דעֶר קריעג געֶגעֶן די אַראַבּעֶר געֶגאַנגעֶן, זעֶנעֶן מיר בּיידעֶ אויף איין שיף געֶפאַהרעֶן. פלוּצ-לוּנג אין דעֶר נאַכט, ווען איך האַבּעֶ פעֶסט געֶשלאָפעֶן און פוּן זיעגעֶ געֶטרוימט, האַבּעֶן מיך 2 פעֶסטעֶ העֶנד עֶרגריפעֶן, און מיך אין מעֶעֶר געֶוואָרפעֶן. דעֶם נעֶכסטעֶן טאָג האַבּ איך עֶרוואַכט

אויף א שטיין=אינזעל. 17 יאהרע האבע איך אויף דיעזען אינזעל פערבראכט. ווי אזוי איך האב דארט געלעבט, קענסט דו אין מיין אויסזעהען ערקענען. פאר איינינע טאגע האבע איך געזעהן איין קויפמאנס שיף פערבייפאהרען דעם אינזעל. אין גאטעס נאמען האב איך מיך אריין געווארפען אין די גרייצטע וועלען, און זיי האבען מיך לעבענד צום קויפמאנס שיף געבראכט. יעצט בין איך דא אלט, פערווילדעט, אבער איך לעבע. דו הערסט? אמון, איך לעבע. קום, אמון מיט מיר. אלס בעטלער וויל איך אין זיין הויז קאמען, אבער אלס קעניג וויל איך פון איהם ראכע נעהמען. קום אמון, טוירעט דעם טיראן, אונזער לאזונגס=ווארט זאל זיין: קעניגען ציפורה אונד פרינץ בן הדור (ביידע אב).

אייפטריט לפידות.

לפידות: בנאמנות שלי, ווי איך בין א יוד דערצו, עס איז א געשעפט (רופט) קום אריין און האב נישט קיין מורא.

דא איזט קיינער נישטא! (בן הדור ערשיינט) זעץ דיך אנידער און ערקלערע מיך נאך אמאל, וואס הייסט, דו האסט ערמארדעט דעם פרינץ בן הדור? בנאמנות שלי, ווי איך בין א יוד דערצו, עס איז א געשעפט... דא קען ארויס א פאר שענע מטבעות א חוץ כבוד וגדולה!

בן הדור: הער מיך אוים לפידות, ווי דו זעהסט בין איך א איינפאכער פשוטער יונג. צווישען די פישער=געזעלען, האב איך געהערט שמועסען, אז דער קעניג האט בעשטימט א סומע פון 1000 רענדלעך פאר דעם יעניגען, וועלכער ווירד ערמארדען דעם פרינץ בן הדור!

לפידות: בנאמנות שלי, ווי איך בין א יוד דערצו, עס איז א געשעפט, ערצעהל וייטער.

בן הדור: אין א טאג, ווען איך בין ארום געפאהרען מיט א שיפעל פיש האפען, האב איך דערזעהן ווי א יונגער מאן דרעהט זיך ביים ברעג, און רופט איך זאל צו איהם קומען,

איך שפּרינג מיט מײַן שיפּעל, און איך בין שוין געווען נעבען איהם. יונגערמאַן, זאָגט ער צו מיר וויפּיעל ווילסטו, זאָלסט מיך אַריבער פיהרען מיט דײַן שיפּעל נאָך תימן... איך וויל, זאָגט ער, דעם קעניג זעהען. איך האַבע באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז דער פּרינץ בן הדור, ער וויל דעם קעניג טוידטען, און זײַן מוטער פון געפענגניס בעפרײַען, איך האָב נישט לאַנג געקלערט, און מיט מײַן שפּיז האָב איך איהם דורכגעבויערט זײַן ברוסט. אַלעס וואָס ער נאָר בײַ זיך געהאַט, האָב איך צוגענומען, און דעם טויד־טען האָב איך אין וואַסער אַרײַן געוואָרפען, די פיש זאָלען איהם אויפעסען.

לפּידות: בן... שאַ... אָבער מיט וואָס וועסטו דעם קעניג איבערצײַגען, אַז דאָס איז געווען דער פּרינץ בן הדור?

בן הדור: צווישען די זאַכען וואָס איך האַבע בײַ איהם געפונען איז געווען אַ מעדאַליאָן מיט דעם בילד פון דעם פּרינץ ווען ער איז נאָך 8 יאָהר אַלט געווען (צײַגט איהם) נאַ קענסט עס זעהען...

לפּידות: קיש... דאָס איז ער!

בן הדור: דו קענסט איהם דען?!

לפּידות: דו זאָגסט דאָך מיר, אַז דער קעניג וועט מיר שוין גלויבען, וואָס־זשע וועל איך האָבען דערפון?

בן הדור: איך וויל דעם כבוד, און די מציָה.

לפּידות: אַ שען פּנים קען ער האָבען פון מצות און כבוד, בן... דער קעניג דאַרף באַלד אָנקומען, וועל איך דיך פאַר איהם פאָרשטעלען, דערווײַל וואַרט אויף און איך וועל געהן ברענגען אַ ביסעל ווײַן, וועלען מיר טרינקען לחיים, צום נײַעם געשעפט! (אַב).

בן הדור: אַך שרעקליכער טאָג מײַנעם לעבענס, (בעטראַכט עס דעם מעדאַליאָן) הײליגעס אַנדענקען מײַנעס ערמאָר־דעטען פאַטערס, לעהרנע מיך ווי גערעכט צו האַנדלען, איך וועל ראַכע נעהמען פיר דײַן פערגאָסענעס בלוט, אונד פיר די לײַדען פון מײַן מוטער, גײַסט מײַנעס פאַטערס, שטעהע מיר בײַ! — (זינגט).

דאָרט אין הימעל זעה איך שײַנענדיג,
קלײַנע שטערענדלעך גאָר אָהן אַ שיעור,
דאָך דערזעה איך אײַנעם ווײַנענדיג
און קוקט מיט טרויער אַראָב צו מיר,
די שטערענדלעך זאָגען מיר פֿון ווײַט
וואָס בעדײַט דײַן טרויערקײַט?
דו „שטערענדעל שענעם" איך פֿרעג בײַ דיר,
וואָס איזט מײַן צוקונפֿט? זאָג עס מיר,
צי וועל איך בעגליקען, צי ניין?
פֿרעג איך בײַ דיר דאָס מיט אַ געוויין...
זאָג נאָר מיר צי עס וועט מיר זײַן גוט?
ענטפֿערט מיר דאָס שטערענדעל פֿון ווײַט
פֿערליער קײַן מוטה, זײַ בערוהט
און העלפֿען וועל איך דיר צו יעדער צײַט —

פלוצים דערזעה איך דעם הימעל שפּאַלטענדיג
און אײַן ערשײַנונג זיך צו מיר בעווײַזט
און צוויי מלאָכימלעך דאָס צוהאַלטענדיג,
האָב איך דערזעהן מײַן פֿאַטערס גײַסט
אַ שטימע האָב איך באַלד דערהערט
נעהם ראַכע, ער האָט עס די ווערט,
ערמאָרדעט דײַן פֿאַטער האָט חנן
געפֿאַנגען דײַן מוטער האָט דער טיראַן
גאָט וועט דיר העלפֿען, מײַן ליעב קינד,
ראַכע צו נעהמען ווי געשווינד,
פֿערשווײַג נור ניכט דײַן פֿאַטערס בלוט
האָט דער גײַסט געברילט צו מיר פֿון גאַנץ ווײַט
ראַכע נעהם לְמַעַן הַשֵׁם!
און העלפֿען וועל איך דיר צו יעדער צײַט (אַב).

לפידות טרעט אויף שיכור מיט דעם קריגעל וויין.

נאַ דיר אַ ביסעלע וויַין, וועסטו זיך פשוט מחיה זיַין, (ער קוקט זיך אום) וואָס, ער איז גאָר ניטאָ? ער איז גאָר אויסגעטריקענט געוואָרען? אויב אַזוי וועל איך אַליין טרינקען. (עס געשיהט) וואָס אין קריעגעל איז אויך אויסגעטריקענט געוואָרען?.. מסתמא האָב איך אויסגעגאָסען. נאָר ווי מיינט איהר חלילה אויף דר'ערד?! ניין, אין האַלז אַריין. דערפאַר איז די קריעגעל געוואָרען טוידט און איך רויט. (זינגט):

דאָס ביסעלע וויַין איז גוט
עס שטאַרקט אונד וואַרעמט דאָס בלוט.
מען ווירד דאַן איין אַנדערער מענש גאָר
די אַנדערע מענשען דערנאָך
אויך טרינקען מוז ער דאָך.
נו טרינק איך דאַן פאַר איהם. אויך פאַר מיר
איך טרינק מיר ווי אַ טאַטע
און ווער אַנטשלאָפען ווי אַ פערד
איך האָב די וועלט אין פּיאַטע
איך האָב מיין וויַיבעלע טיעף אין דר'ערד.
אַ ביסעלע וויַין זאָל אימער זיַין, ס'איז זעהר פיַין,
מען קנאַקט אַריין, דאַן האָט מאַן שוין רוה,
בְּנֶאֱמָנוּת שֶׁלִי, ווי איך בין אַ יוד דערצו.

עס וואהר מיין משפחה גרויס,
איך קום פון יחסנים אַרויס,
רבנים, גאונים, גרויסע טרינקער אויך,
זיי זענען טוידט, אוי אַ קלאָג,
איך האָב יאָהר-צייַט אַלע טאָג
איך מאַך נאָך זיי אַ קנאַק, אַז עס געהט אַ רויך,
פאַר זייערע נשמות, פאַר זייערע גרייז גראָהע בערד.
טרינק איך אָן רחמנות, איך האָב זיי אַלע טיעף אין דר'ערד—
ווייל אַ ביסעלע וויַין א. ז. וו. (בים).

אַ שוויגער האָב איך געהאַט, מיט איהר געווען בלאַט
און פון איין פלאַש געזויפט וויִ זיִ. אַזוי איך.
דעם ווײַן האָב איך געבראַכט, פערבײַסען האָט זיִ געמאַכט.
נאָר פון דער וועלט אַוועק איז זיִ גיך
איך דאַרף יעצט קריעה רײַסען
איך טרינק גאָר אָהן פערבײַסען
מסתמא האָט זיִ דיִ ווערט,
איך האָב מײַן שוויגער טיעף אין דר'ערד
ווײַל אַ ביסעלע ווײַן א. ז. וו. (ביס).

אויפטריט רְחָמָה

רחמה: צַפְרָא טָבָא, דעם אַלטען לפידות!

לפידות: אַ גוט מאָרגען דיר, מײַן כשרה מלומדת, וואָס האָסטו דיך הײַנט אַזוי שעהן אויס־געפּוצט?

רחמה: אונזער פרינצעסען עָלֶמֶת האָט אײַנגעלאַדען אַלע מעד־כען פון תימן אויף פיש־פאַנג פאַרטיע. נו, דאַרף רחמה'לע אויך דערבײַ זײַן.

לפידות: זעהר שען, זאָג מיר נאָר רחמה'לע, אֶפשר, וואָלסטו מיך אויך געקלאַפּט אין דײַן נעץ?

רחמה: איך מײַן, אײדער צו חאַפּען אַזאַ אַלטען גרויען פיש וואָס שמעקט שוין מיט יענער וועלט, וויל איך גיכער כאַפּען אַ יונג פישעלע, אַ גאָלדענעס, עס זאָל זײַן אַ מחיה אָנצוקו־קען. און אויף דיר וועל איך ערצעהלען דער מוהמען צפורה, אַז דו מאַכסט מיר ליעבעס ערקלערונגען, וועט זיִ דיר מיט דיִ נעגעל אָב קראַטצען דיִ ליסקע פון דײַן פנים, וועסטו האָבען אַ פנים וויִ אַ אָבגעשײלטער הערינג!

לפידות: עה! דו וועסט עס מיר ניט טהון, דו ווילסט דאָך איך זאָל דיר געבען מײַן זוהן פאַר אַ חָתָן!

רחמה: דו דאַרפסט איהם מיר ניט געבען, איך האָב איהם שוין אַליין גענומען. דיִ חיות אין וואַלד, דיִ פײגעל אויף

די ביימער, די שטערען אין הימעל, די פיש אין וואסער, זענען עדות, אז מיר האבען זיך ליעבע צוגעשווארען.

לפידות: איך וועל איהם מיט ג'וואלד פון דיר אוועק רייסען!

רחמה: דאס קענסטו ניט טהון, אז דו וועסט קענען מיט פלא־מען אויסלעשען דאס פייער, מיט א נעץ אויפהאלטען דעם ווינד, מיט א האק דאס וואסער צו שפאלטען, דאמאלס וועסטו קענען פון מיר רחמיאל'ן אוועק נעמען!

לפידות: רחמל'ע, פאר דעם משל ביסטו ווערט א קוש (זי לאזט זיך ניט, דערווייל קומט אן צירעה): מיין טייערע ווייבעלע, איך האב דיר געוואלט מיט רחמה'לען שיקען א פאר קושען, נאר אזוי ווי דו ביסט אליין אנגעקומען, וועל איך דיר זיי אליין אב געבען (וויל קושען).

צירעה: (פאטשט) זעסטו איך האב מיך אליין מטריח געווען, און האב דיר אבגעבראכט 2 פעטש, און וויש דיר אב דאס מויל און שוויג. און דיר רחמה'לע וויל איך גאר נישט טהון, איך וועל נאר דערצעהלען רחמיאלקען!..

רחמה: אוי וועה! וואס וועסטו דערצעהלען, אז איך האב זיין טאטען געקושט? וועל איך איהם דערצעהלען, אז דו האסט זיין טאטען געפאטשט...

צירעה: פאטשען דארף מען אלע מענער, עס איז גאר נישטא אזוי פיעל פעטש וויפיעל זיי פערדינען.

רחמה: איך זאג דיר, איידער צו פאטשען איך מיט די ווייבלעך, איז בעסער צו לעבען, ווי טייבלעך.

צירעה: (זינגט): איך זאג אייך, אז יעדער מאן,
איז א שרעקליכער טיראן,
פאלש זענט איהר אויף שריט און טריט.
גוואלד! אוי, אוי, מענער, גוואלד איהר זענט נישט גוט.

לפידות: איך זאג, א גוטע ווייב איז א גליק,
א גוטע ווייב, איז דאך א אנטיק.
אבער, אז דאס ווייב גלעט אין באק,
און, אז טרעפען זאל זיי, גאטעניו, א שלאק.

רחמה: און איך זאָג: אַז פּאַטשען און שלאָגען זיך איז נישט גלייך;
עס איז נישט שען גאָר דאָס צוזעהן;
מענער און ווייבלעך מוזען לעבען ווי טייבלעך.
זאָגט אַליין, בין איך גערעכט צי ניין?

לפידות, צירעה: יאָ, רחמה'לע, דו האָסט רעכט
יאָ נשמה'לע דו זאָגסט ניט שלעכט;
דו ביסט מיין איידעלע, אַ קלוג מיידעלע.
מיר וועלען פאָלגען וואָס דו זאָגסט...

רחמה: יאָ, אַודאַי האָב איך רעכט
יאָ, אודאַי איך זאָג ניט שלעכט,
מענער און ווייבלעך לעבען ווי די טייבלעך
איז דאָך שען און פיין.

לפידות, צירעה: יאָ, אַודאַי דו האָסט רעכט
יאָ, אַודאַי דו זאָגסט ניט שלעכט
מענער און ווייבלעך לעבען ווי די טייבלעך
איז דאָך שען און פיין!

(טאַרצעט)

רחמה: יאָ, אַודאַי האָב איך רעכט
יאָ, אַודאַי איך זאָג ניט שלעכט
מענער און ווייבלעך לעבען ווי די טייבלעך
איז דאָך שען און פיין!

(טאַנצען, אָב. פאָרהאַנג)

פערוואַנדלונג.

(דער הונטער־גרונד ווייזט הימעל און וואַסער, לינקס זעהט זיך אַ טהורעם. כאָר פון פישער־מיידלעך, אַ טאַנץ, עלמות פון רעכטס.)

כאר: ווי שען איז דער וואַסער־פאַל, וואַסער־פאַל.
נעמט די רודער אין די הענד,
רודערט נאָר וויפיעל איהר קענט.
ווי שען איז דער פישער־פאַנג,
בעלעבט איהם, שוועסטער, מיט געזאַנג!

עלמות: (זינגט אונטער די קוליסען, און קומט אַן אויף אַ שיפֿעל).
מײַן הערץ איז נאָר בײַ דיר
טרײַ בלײַב־זשע אויך מיר.
ליעבער! אַ הערצע צו,
שוועבע ענגעל הערונטער דאָ
איך ערוואַרטע דיך מעהר ווי אַ שעה!
איך ווייס דו ביסט אויף עוויג מיר טרײַ
און אַלע געפֿאַהרען שטעה איך דיר בײַ.
מײַן הערץ אַ, ציהט זיך נאָר צו דיר,
קום־זשע געליעבטער, קום שנעל צו מיר!
שנעל צו דײַן עלמות
איך בלײַב דיר אויף עוויג טרײַ!
(עלמות און רחמה געהען אַרונטער. פֿישער־מײדלעך טאַנצען).
עלמות: שוועסטער! מיר ערוואַרטען יעדע מינוט, דער פֿאַטער זאָל צוריק קעהרן פֿון דער קריעג, זאָ וויל איך די ערשטע זײַן, איהם עמפפֿאַנגען, דאַרום בעט איך אײַך איהר זאָלט אײַך אַ ביסעל צוריקציהען, און שפּעטער וועלען מיר אַלע צוזאַמען איהם אַקעגען געהן (די פֿישער מײדלעך טאַנצען אָב). אַציִנד בין איך אַליין, דאָך מײַנע געדאַנקען, מײַן אַלעס געהער נאָר דיר מײַן געליעבטער. ווען די וועלען צאָרנדיג רוישען, ווען די שיפֿער נאָך ווינד לוישען, הער איך אַלץ דײַן שטימע נאָר אַליין.
(בן הדור קומט אָן, אַלס פישער).
בן הדור: טהײַערער ענגעל, דו ערוואַרטעסט מיך, זײַ מיר טויזענד מאָל געגריסט! (זײַ אומאַרמען זיך).
עלמות: פֿאַר וואָס האָסטו מיך געלאָזט אזוי לאַנג וואַרטען מײַן טהײַערער! דו ווייסט דאָך אַז דאָס אָרעמע פֿישער־מײדעל האָט קיין אַנדערע פֿרײדע, נאָר ווען איהר פֿישער־יונגע איז מיט איהר צוזאַמען...
בן הדור: טרײַע זעעלע! דו וועסט מיר פֿערצײַהען, איך מוז דיר יעצט אַ געהיימניס ענטדעקען, איך האָב דיך גענאַרט...
עלמות: עס איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט אַ זאַך וואָס איך זאָל דיר נישט פֿערצײַהען.

בן הדור: זײַ װיסען, טהײַערע עלמות! אַז איך בין נישט דער אײַנפֿאַכער פֿישער־געזעלען, װי איך האָב מיך פֿאַר דיר פֿאָרגעשטעלט... איך בין... דער פּרינץ בן הדור, און אַלס פּרינץ בעט איך דײַן האַנד!

עלמות: (צו זיך) פּרינץ בן הדור! (צו איהם) און דו ליעבסט מיך? מיך אַן'אָרעמעס פֿישער־מײדעל?

בן הדור: די ליעבע װײסט פֿון קײנע קרױנען, די ליעבע זוכט נאָר דאָס הערץ, און קײן בעסער הערץ װי דו האָסט, האָב איך נאָך אין מײַן לעבען נישט געזעהן.

עלמות: אַן'אָרעמעס הערץ!

בן הדור: גענוג רײַך איז עס, װען עס איז גאַנץ, נישט צובראָכען װי מײַנס. הער, עלמות! אַ טיראַן װעלכער רופֿט זיך „קעניג פֿון תימן" האָט ערמאָרדעט מײַן פֿאָטער, מײַן מוטער האָט ער געפֿאַנגען און זוכט נאָך אויך מיך, אום צוברענגען!

עלמות: (ערשראָקען) עס קען נישט װאהר זײַן, פּרינץ!

בן הדור: לײַדער איז עס װאַהר!.. אָבער יעצט איז די צײַט געקומען, דאָס איך זאָל פֿון איהם ראַכע נעהמען.

עלמות: פּרינץ! האָב מיטלײד מיט דער אָרעמער עלמות, לאָז צורוה, דײַן לעבען איז אין געפֿאַהר!

בן הדור: עס גיעבט קײן זאַך אויף דער װעלט, װאָס זאָל בײַ מיר הײליגער זײַן אַלס ראַכע נעהמען פֿון דעם טיראַן.

עלמות: איך נישט דײַן געליעבטע עלמות?

בן הדור: דו דאַרפֿסט מיך נישט צוריק האַלטען, װען דו ליעבסט מיך.

עלמות: װען דו זאָ'סט מיך אַפילו דורך דעם טויטען?

בן הדור: איך פֿערשטעה דיך נישט.

עלמות: איך װאָלט עס דיר ערקלערען, אָבער דו װעסט מיך פֿערהאַסען!

בן הדור: קײן זאַך אין דער װעלט איז נישט אימשטאַנד אַב צושװעכען מײַן ליעבע צו דיר.

עלמות: ווען איך זאָל אויך זיין זיינס אַ פריינדין?
בן הדור: זאָגאַר אַ טאָכטער...
עלמות: שווער־זשע מיר צו, אַז דו בלייבסט מיינער אויף עוויג.
בן הדור: איך שווער עם דיר (זינגען).
עלמות: דו שווערסט, דו שווערסט, איך הער,
כאָ וואָס־זשע דאַרף איך מעהר?
איך קאָן שוין רוהיג זיין,
איך ווייס דו ביסט שוין מיין.
פאָהר דיר פאָהר ווי גיך
נאָר האַלט מיין הערץ מיט זיך
און געדענק נאָר שטעטס דאַבייַ:
אַז איך בלייב דיר עוויג טריי.
ביידע: מיינע געדאַנקען — ווען איך בין אַליין —
געהערען נאָר דיר געליעבטער מיין;
אין שענעם פריה־מאָרגען ווען די זאָננע שטראַהלט
ביי נאַכט אַז דער מאָנד מיט זילבער מאַהלט
דאַן דענק איך נאָר אָן דיך אַליין
געליעבטער (געליעבטע) מיין.
בן הדור: ביי טאָג, ווען דער שטויב, אין דער לופט נאָר טאַנצט,
ביי נאַכט, ווען דער מאָנד איבערן שאָטען גלאַנצט,
זעה איך דיך נאָר אַליין
געליעבטע מיין.
עלמות: ווען די ווערען ווי צאָרניג רוישען.
בן הדור: און די שיפער נאָך דעם ווינד לוישען.
ביידע: זעה איך דיך אַליין,
געליעבטער מיין.
מעגסט זיין פון מיך ענטפערען
וויט, הויך איבער די שטערען
בין איך נאָר ביי דיר, געליעבטער מיין.
טהייערער געליעבטער בלייבסט עוויג מיין
דו בלייבסט נאָר מיין,
איך בלייב נאָר דיין! (אומאַרמען זיך).

צירעה: (קומט אַריַין צו לויפֿען) געוואַלט! ראַטעוועט! אַ שיף ברענט אויפ'ן ים! אַנ'אַלטער מאַן איז צוגעבונדען צום מאַסט בוים! רעטעט איהם! (בן הדור און עלמות לויפֿען זעהן).

בן הדור: יאָ איך זעה, מען מוז איהם רעטען! (לויפֿט אויף דעם שיפֿעל).

עלמות: איך מוז איהם צו הילפֿע קומען (בײדע אָב מיט'ן שיפֿעל).

צירעה: (זײ נאָכקוקענד) גאָט! זײ זאָלען איהם נאָר דער־ראַטעווען! אָ זײ זענען אַרויף אויף דער שיף! זײ בינדען איהם אָב! (פֿון אונטער די קוליסען הערט זיך געשרײען און קנאַקען פֿון פֿײער, באַלד קומט אָן אַ שיף. שלמון צו געבונדען צו מאַסט־בוים, בן הדור און עלמות שנײַדען איבער די שטריק, כאַפּען אַראָב דעם אַלטען, פֿיהרען איהם אַרויף אויף דער ביהנע, אַלע דרײַ ראַטעווען איהם, ער קרעכצט. באַלד דאַרויף עקספּלאָאַטירט דער קעסעל, עס שיסט פֿײַער און איסקרעס).

פֿאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

(אַ גאָרטען. לינקס חנון'ס פּאַלאַץ, רעכטס אַ שלאָס, וואו עס זיצט געפֿאַנגען די קעניגען צפורה. פֿון בײדע זײַטען בוימער, אין דער מיט אַ טויבען־שלאַג. שלמון זיצט אָן דער זײַט, אויף אַ גראָז־באַנק, און זינגט):

איך וואַהר אין סכנות,
האָט רחמנות
ווער עס האָט ישרנות,
העלפֿט מיר אויס אין דער נויט!

אַ בּעֶטלעֶר נִישט פוּן געֶבּוֹירעֶן,
איִך בּיִן עֶס נאָר געֶוואָרעֶן!
ווער וואָלט עֶס גאָר דעֶנקעֶן,
אַז מיִר זאָל מעֶן שעֶנקעֶן
צוּ עֶסעֶן אַ שטיִקעֶלעֶ בּרויט.
אָ גרויס איִז מײַן נויט!
ווײַט פוּן דעֶם לעֶבּעֶן,
ווײַט פוּן דעֶם שטרעֶבּעֶן,
ווײַט אויף אַן׳איִנזעֶל בּיִן איִך געֶוועֶן
אויף דעֶר עֶרד געֶזעֶסעֶן, דעֶרנעֶר געֶגעֶסעֶן,
קײַן לעֶבּעֶדיִגעֶן מעֶנשעֶן האָבּ איִך ניִשט געֶזעֶהן,
איִך וואַר כּמעט פֿעֶרפאַלעֶן,
נאָר דעֶר גאָט פוּן אַלעֶן,
האָט מיִר געֶהאָלפֿעֶן, אַ נס איִז געֶשעֶהן,
העֶלפֿט מיִר מעֶנשעֶן, אָ גוטעֶ מעֶנשעֶן!
איִן מײַן פּײַן,
לאָזט איִן אַ שטוּב צוּ אײַך מיִך אַרײַן.
גיִעבּט מײַן שוואַכעֶן גרויעֶן קאָפּ אַ שטיִקעֶל אָרט.
בּעֶלוינעֶן וועֶט מעֶן עֶס אײַך פוּן דאָרט...
שעֶנקט אַ נדבה, וועֶט איִהר זײַן רײַך
ניִשט קײַן וועֶהטאָג בּײַ אײַך!

איִך וואַר איִן סכנות! (בּיִז: „גרויס איִז מײַן נויט). דאָרט איִן דעֶם שלאָס איִז מײַן קעֶניִגעֶן געֶפֿאַנגעֶן, און דעֶר בּרוּדעֶר־מעֶרדעֶר זיִצט אויף דעֶם טראָן. אָ ראַכעֶ! פֿיִרכֿטעֶרליִכעֶ ראַכעֶ וויִל איִך האָבּעֶן, די גאַנצעֶ ראַכעֶ פוּן דעֶם אֵל קנא ונוקם וועֶל איִך אַראָבּ רײַסעֶן פוּן היִמעֶל און אויף זײַן קאָפּ שלײַדעֶרעֶן. יאָ, אויף דײַן קאָפּ חנון! דוּ שעֶנדליִכעֶר טיִראַן!

עלמות: (קוּמט אָן) אַלטעֶר! דאָ אויף דעֶם געֶפֿעֶרליִכעֶן אָרט?

העֶר מיִך אויס, אַלטעֶר! איִך האָבּ דיִר דײַן לעֶבּעֶן געֶרעֶטעֶט, און דעֶרפֿאַר איִז עֶס בּײַ מיִר טהײַעֶר. איִך בּעֶט דיִך, מײַד אויס דעֶם פּלאַץ! דאָ איִז דײַן לעֶבּעֶן קײַן איין אויגעֶנ־בּליִק ניִשט זיִכעֶר!

שלמון: פֿאַר מײַן לעבען האָב איך קײן מורא נישט, דען וואָס פֿאַר אַ װערט קאָן האָבען דאָס לעבען פֿון אַזאַ אַלטען בעטלער ווי איך בין? דאָך דיר צוליעב, דו זאָלסט דיך נישט ערגערען, געה איך אַוועק פֿון דאַנען, אָבער איך זאָג דיר נישט צו, איך זאָל מעהר נישט קומען...

עלמות: אויף מאָרגען זאָל גאָט זאָרגען. נאָר דערווײַל, בעט איך דיך זאָלסט פֿון דאַנען אַוועק געהן!

שלמון: איך וועל געהן, נאָר גיעב מיר, איך בעט דיך מיט דײַן ברכה אויף דעם וועג.

עלמות: ווען די ברכה פֿון אַ קינד האָט בײַ דיר אַ ווערטה וועל איך זי דיר נישט ענטזאַגען. קום אַלטער! איך ווינש דיר אַז אויף אַלע דײַנע וועגען זאָל דיר גאָט בײַשטעהן (בײַדע אָב, רחמה קומט).

רחמה: פּרינצעסין! פּרינצעסין עלמות! (צו זיך) זי איז אַזוי שטאַרק פֿערטיעפֿט מיט דעם אַלטען בעטלער, אַז זי הערט גאָר נישט ווי איך רוף זי. עס איז איהר גאָר נישט צו פֿערשטעהן. וואו נאָר אַ בעטלער, וואו נאָר אַ קבצן, וואו נאָר אַ דלוה, איז ער איהר גוטער ברודער... האָט זי דערזעהן אַ פֿישער-יונג, אַ דלות, האָט זי זיך אין איהם פֿערליעבט איבער די אויגען, און צײַט דער יונגער דלות איז פֿערשוואונדען געוואָרען האָט זי זיך ווידער אָב געזוכט אַנ׳אַלטען בעטלער און האַלט איהם אין אײן נאָכלויפֿען. מיר דאַכט זיך, ווען איך זאָל זײַן אַ פּרינצעסין, וואָלטען אַזעלכע בעטלער נישט דערלעבט מײַן שוועל איבער צו טרעטען... נאָר ווי אַזוי ווערט מען אַ פּרינצעסין? אוי געוואָלט איך וויל זײַן אַ פּרינצעסין! (זי זינגט):

וועז איך זאָל ווערען אַ פּרינצעסין
פֿון דער העלער הויט,
וואָלט איך טאָג און נאַכט געגעסען,
באָרשט פֿון זויער-קרויט.
אַ גאַנצען טאָג נאָר געטאַנצט, געשפּרונגען
פֿרעהליך וואָלט איך זײַן;

ראָזשֶׁענקעָס וואָלט איך געשלונגען,
וויפּיעל עס קאָן אַריין.
געטרונקען וואָלט איך עפּעל־קוואַס,
אַ גאַנצען קרוג אַ טאָג.
איהר מעגט מיר גלויבען, איך מאַך קיין שפּאַס.
ס'איז אמת וואָס איך זאָג.
איך קאָן דאָס אָבער נאָר דערלעבען,
דאָס איך זאָל אַ פּרינצעסען זיין.
אוי אַ פּרינצעסען, איהר מעגט מיר גלויבען
איז זעהר שען און פיין!

ווען איך זאָל ווערען אַ פּרינצעסען,
אין דעם אויגענבליק
וואָלט איך באַלד זיך גוט איינפּרעסען
די טאַליע מיט אַ שטריק.
איך וואָלט מיך קליידען פיין און שען
אין סאַמעט אונד אין זיידענס
מיט רויטע סטענגעס וואָלט איך געהן,
מ'זאָל מיך זעהן פון ווי וויטענס.
און אין פערערן וואָלט איך מיך פערצירען
און געטראָגען זיך פערשייט;
אַרום געלאָפען וואָלט איך שפּאַצירען
מיט די שענסטע יונגע־לייט.
אוי די אַלע זאַכען כ'לעבען
זענען זעהר פיין,
איך קאָן דאָס אָבער ניט דערלעבען,
כ'זאָל אַ פּרינצעסען זיין! (אַב, אויפּטריט לפידות).

לפידות: מיין טהייערע קעלבעלע! וואָס האָלסטו אין איין שרייען: פּרינצעסען?

רחמה: איך האָב זי ליעב.

לפידות: וועמען ושע האָסטו ליעבער? איהר, צי דאָס יונגע

גאָלדענע פישעלע?.. געדענקסט נאָך וואָס דו האָסט מיר געבּעטען געזאָגט?

רחמה: אָבער אַ מתוקן דאַרף נישט וויסען פון ליעבע.

לפידות: זאָג ושע מיר רחמה'לע: איך בין דאָך דיין טאַטע, וועל איך אויך דיינער ווערען?

רחמה: וואָלסט זיין אַליין וואָלט איך דיר זאָגען...

לפידות: (קוקט זיך אַרום) איך זעה דאָך קיינעם נישט אַרום זיך...

רחמה: ווייל דיין גוטער ברודער האָט דיר די אויגען פערשטעלט...

לפידות: דו מיינסט אַ ודאי אַז איך בין שיכור? (עס הערט זיך חנון'ס קול) אָ! דער קעניג קומט! געה געשווינד אוועק פון דאַנען, איך דאַרף עפּעס מיט איהם רעדען. עס איז אַ סוד פאַר דיר.

רחמה: (צו זיך) איז עס אַ סוד דאַרף איך מאַקע וויסען. (צו איהם) גוט, גוט, איך געה! (זי בעהאַלט זיך אונטערן בוים, חנון קומט אָן).

חנון: ביסט דאָ לפידות? וואו=ושע איז דער שקלאַווע? איך וואָלט עס וועלען פון איהם אַליין הערען.

לפידות: אַז לפידות זאָגט, איז געזאָגט, אָט וועט ער באַלד קומען, איך האָב איהם בעשטעלט, ער וואַרט דאָרט אונטער'ן טויער. (ער שרייט אויס:) גראָבער פישער=יונג! קום אַריין! (בן הדוד מיט דער באָרד) גרויסער קעניג! דאָ איז דער פישער וועלכער האָט עס מיר דערצעהלט.

חנון: לפידות! געה, לאָז אונז אַליין.

לפידות: געהן? איז געהן! איך קאָן טאַקע אויף די פיס נישט שטעהן (געהט אָב).

חנון: זיי מיר ווילקאָמען טאַפּפערער העלד! פון היינט אָן ביסטו מעהר קיין שקלאַווע, איך שענק דיר די פרייהייט.

בן הדוד: די פרייהייט ביים געבורענעם שקלאַווען, שפּיעלט אַ קליינע ראָלע. די פרייהייט האָט נאָר אַ ווערט ביי דעם וואָס ווייסט זי צו שעצען. איך האָף און ערוואַרט פון דיר אַ בעסערען לוין...

חנון: און דוּ וועֶסט עֶס בּעֶקוּמעֶן. נאָר דעֶרצעֶהל מִיר פְרִיהעֶר ווִי אַזוֹי האָסטוּ דעֶם פּרִינץ עֶרמאָרדעֶט?

בן הדור: גאַנץ אײַנפַאך, גאַנצעֶ דרײַ מאָנאַטעֶן האָבּ איך אִיהם נאָך שׁפּיאָנִירט, און נאָך שׁווערעֶ מִיה און פִיעל אַרבּײַט אִיז עֶס מִיר געֶלוּנגעֶן צוּ פּאַקעֶן אִיהם. מִיט קוּנצעֶן בִּין אִיך עֶרפַארעֶן פוּן אִיהם, אַז עֶר האָט זִיךְ פעֶרשׁוואָהרעֶן דִיךְ מײַן קעֶנִיג צוּ טוֹיטעֶן, אַז עֶר עֶרוואַרטעֶט דײַן אַנקוּנפט בּײַם מעֶער אוּם דײַן טהײַערעֶס לעֶבּעֶן צוּ רוֹיבּעֶן, און אַזוֹי האָבּ אִיךְ אִיהם אָבּגעֶהִיט אוֹיף שׁרִיט און טרִיט, בִּיז אִיךְ בִּין אִיהם עֶנדלִיךְ אִיבּעֶרפַאלעֶן, אִין אײַן שׁטוּים... און מײַן דאָלךְ האָט אִין זײַן בּרוּסט געֶשׁטעֶקט, מִיט אַ לעֶווען=שׁטִימעֶ האָט עֶר אוֹיסגעֶשׁרִיגעֶן: חנון, חנון! דוּ געֶמײַנעֶר נִידעֶרטרעֶכטִיגעֶר שׁוּפט! מעֶרדעֶר פוּן מײַן פאָטעֶר, פּײַנִיגעֶר פוּן מײַן מוּטעֶר! אִיךְ ווײַס אַז דוּ האָסט גוּט בּעֶצאָהלט פאַר מײַן טוֹיט! אָבּעֶר וואַרט דוּ בּאַנדִיט! דאָס אוּנשוּלדִיגעֶ בּלוּט ווערט פוּן דִיר ראַכעֶ נעֶמעֶן! און מִיט דִי ווערטעֶר אִיז עֶר געֶפַאלעֶן טוֹיט. אִיךְ האָבּ בּײַ אִיהם אַרוּנטעֶר געֶנוּמעֶן דעֶם מעֶדאַליאָן (ווײַזט עֶס) און זײַן טוֹיטעֶן קעֶרפּעֶר האָבּ אִיךְ אַרײַן געֶוואָרפעֶן אִין וואַסעֶר.

חנון: זעֶהר גוּט, זעֶהר גוּט האָסטוּ געֶטהוּן, און דוּ בּעֶקוּמסט דעֶרפַאר מײַן טאָכטעֶר אַלס פרוֹי.

בן הדור: אִיךְ דאַנק דִיר געֶנעֶדִיגעֶר קעֶנִיג! שׁפּאַס נִישׁט פוּן אַנ'אָרעֶמעֶן שׁקלאַווען.

הנון: קײַן שׁפּאַס, פעֶרגעֶס דײַן געֶבּוּרט! פוּן הײַנט אָן בִּיסטוּ אַ פּרִינץ און דאָס דאַרפסטוּ געֶדעֶנקעֶן.

בן הדור: אִיךְ ווִעל מִיךְ מִיה געֶבּעֶן דײַן בּעֶפעֶהל צוּ עֶרפִילעֶן, און אִיךְ האָף אַז אִיךְ ווִעל מִיךְ קעֶנעֶן האַלטעֶן ווִי אַ פּרִינץ.

הנון: אַלזאָ טהײַערעֶר פּרִינץ! העֶר וואָס אִיךְ פעֶרלאַנג פוּן דִיר, צפורה דִי מוּטעֶר פוּן דעֶם עֶרמאָרדעֶטעֶן פּרִינץ זִיצט אִין מײַן שׁלאָס געֶפַאנגעֶן. געֶה צוּ אִיהר און שׁטעֶל דִיךְ פאָר אַלס פרײַנד פוּן אִיהר פעֶרשׁטאָרבּעֶנעֶם זוּהן. זאָג אִיהר אַז דוּ בִּיסט געֶוועֶהן בּײַ זײַן אָבּשׁטאַרבּעֶן און אַז זײַן לעֶצטעֶר וואוּנשׁ אִיז

געוועהן אַז זײַן מוטער זאָל מיט מיר הייראַטהען. אום עס זאָל אין לאַנד צוריקקעהרען גליק און פֿריעדען.

בן הדור: איך זאָל געהן צו דער קעניגען?.. (פויזע) צו דײַן בעפֿעהל קעניג! און וואו איז זי?

חנון: פֿאַרלײַפֿיג געה אין מײַן פּאַלאַץ. לפידות וועט דיך איבער קלײַדען אַלס פרינץ, און שפּעטער וועל איך זי הײַסען אַרויס פֿיהרען צו דיר.

בן הדור: מעכטיגער קעניג! זײַ זיכער אַז איך וועל קײַן מאָל נישט פֿערגעסען מײַן שטאַם... און וואָס דו האָסט מיט מיר געטהון, און וועל נאָר שטענדיג טראַכטען צו בעלוינען דיר פֿאַר דײַן טהאַט... איך וועל קײַנמאָל נישט פֿערגעסען אַז איך בין אַ פּרינץ און ווי אַ פּרינץ וועל איך מיט אַלעמען האַנדלען (אָב אין פּאַלאַץ).

חנון: שווער איז די קעניגליכע קרוין! מען מוז ציטערען פֿאַר יעדע פֿאָלקס-בעוועגונג... לײַדער אָבער צוריק צו כאַפּען איז שוין — צו שפּעט! דער פרינץ בן הדור איז טויט... יאָ! אַזוי מוז עס זײַן! אַלץ וועל איך אָנווענדען און זי מוז מײַנע זײַן. זי מוז און וועט מײַנע בלײַבען! ביז אין בלוט וועל איך געהן, און פֿון מײַנע הענד וועל איך זי נישט אַרויס לאָזען. (ער לויפֿט אָב ערדעגט אין פּאַלאַץ אַרײַן עלמות קומט).

עלמות: (פֿערצאַגט) גאָט איז מײַן עדות, איך וואָלט איהר נישט וועלען ברענגען אַזאַ שלעכטע נאַכריכט! זי קאָן נאָך פֿאַר צרות קראַנק ווערען! אַ רחמנות אויף דער עדעלע פֿרוי!.. אָבער מײַן פֿאָטער! ער בעפֿעהלט עס מיר... און איך מוז... איך ציטער פֿאַר איהם! (צפורה קומט) אָ, קעניגען!

צפורה: וואָס ביזטו אַזוי טרויעריג עדעלע פרינצעסען? דו ציטערסט דאָך אינגאַנצען.

עלמות: אָ, עדעלע קעניגען!

צפורה: זאָג פרינצעסען! איך בין אויף אַלעס געפֿאַסט.

עלמות: שלעכט קעניגען! זעהר אַ ביטערע נאַכריכט האָב איך דיר געבראַכט, אונזער פרינץ! אונזער בן הדור איז טויט!

צפורה: בן הדור! מײַן אײנציגע טרײסט, איז טויט!... גאָט! וואָס האָסטו געהאַט צו דעם אומשולדיגען, עהרלי־כען קינד!... אָ! מײַנע צרות זענען נישט ערטרעגליך!... (פויזע) זאָג מיר מײַן טײַערע עלמות, האָסטו איהם געקענט?

עלמות: יאָ, קעניגען! איך האָב איהם געקענט... זעהר גוט געקענט... איך האָב איהם געליבט... מיר האָבען זיך בײדע געליבט...

צפורה: קינד! וואָס רעדסטו? ווען האָסטו איהם געזעהען?

עלמות: אַלס פישער־געזעלען האָב איך איהם דערקענט און זיך אין איהם פערליבט, און אַלס פערשטעלטער פרינץ בן הדור האָבען מיר זיך ליבע און טרײַע געשוואָרען. אָבער, לײדער איז ער מיר פערלאָרען געוואָרען שוין אַ צײַט אַהער, און דאָ צײַט אײניגע טעג, איז געקומען אַ ריכטיגער פישער־יונג מיט דער ביטערע נאַכריכט, אַז ער אַלײן האָט איהם ערמאָרדעט! מײַן רחמה האָט עס אַלײן געהערט פון זײַן מויל. אָ, קעניגען! איך בין אומגליקליך! (זי װײנט).

צפורה: (שטאַרקט זיך) מיר זענען בײדע אומגליקליך! זעהר אומגליקליך! ג־ָגען גאָט אָבער טאָר מען נישט מְהַרְהֵר זײַן, ער איז גערעכט און זײַן משפט איז גערעכט, ה׳ נתן וה׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך.

עלמות: דו קאָנסט דיך פאַסען, קעניגען!... איך אָבער בין שוואַך! גאָט איז מײַן עדות, אַז מיט זײַן טויט, האָט ער אויך מײַן לעבען צוגענומען! איך האָב פאַרלאָרען מײַן ענגעל! מײַן גאָט! מײַן אַלעס! אָ, קעניגען! מוטער! (פאַלען אײנס אויף דאָס אַנדערע װײנענד. נאָך אַ פויזע)

צפורה: װײנען, מײַן קינד, שאַדעט נישט, טרערען ערלײַכ־טערען די שמערצען... (אויפטריט צירעה).

צירעה: אָ, מײַן אומגליק איז אָן אַ גרענעץ! דער מאָרד שרײַט ביז גאָט! (צפורה װײנט).

עלמות: פערצײַהע קעניגען! איך װאָלט עס דיר ניט ערצעה־לען, אָבער איך זאָג עס דיר פריהער, עהרער דער קעניג קומט אַהער... אפשר דאַרפסטו עס װיסען...

צפורה: דער קעניג! ווער וואגט עס זיך אין מיין נעגענווארט קעניג צו רופען?

עלמות: איך מיין מיין פאטער! פאר איהם ציטערט היינט יעדער איינציגער.

צירעה: פוילע דיענסטען ציטערען פאר איהם... איך דאנקע גען, זעהט איהר, כאטש איך בין א שוואכע אשה, דאך ציטערע איך נישט. איך וואלט איהם אינגאנצען מוחל זיין ער זאל אהער קומען.

צפורה: ער זאל מיין שוועל נישט איבערטרעטען.

צירעה: איך וועל איהם די אויגען אויסקראצען.

עלמות: מיט דיין שלעכט בעהאנדלען איהם, וועסטו איהם נאך מעהר צו רייצען.

צירעה: נו, ווער פרעגט דען נאך איהם? זאל איהם די גאל צו שפרונגען ווערען.

צפורה: וואס קען ער מיר דען נאך מעהר טהון, ווי ער טהוט מיר? ערמארדען, ווי מיין מאן און מיין קינד? אדרבה, זאל ער דאס טהון, איך ערווארטע שוין די מינוט, עס זאל שוין אנ'ענדע זיין צו מיין לעבען און מיינע ליידען.

צירעה: (קוקט ארוים) געשווינד, פרינצעסען! דער קעניג קומט. קומט לאמיר אוועק געהן.

עלמות: קעניגען! ערבארעמע דיך אויף דיין לעבען, דער פאטער קומט! (צירעה און עלמות געהען אב טיעף אין גארטען).

צפורה: ער קומט? דער מערדער! א גאט, העלף מיר! שטעה מיר ביי. (חנון קומט, געהט צו צו צפורה'ן).

חנון: הייל און גליק דער גרויסער קעניגען! דער זיעגער פון באגדאד ליעגט יעצט פאר דיינע פים. אלע זיינע לארבער־קרענצע צוזאמען מיט זיין ליעבע צו דיר. אלע פעלקער וועלכע איך האב בעזיעגט שיקען דיין מאיעסטעט א גרוס דורך מיך.

צפורה: איך האב מיט דער וועלט מעהר גארנישט צו טהון. זייט מיין מאן איז געשטארבען, איז אויך די גאנ־צע וועלט פאר מיר אבגעשטארבען. איך קאן דיין ליעבע נישט

אַנקעֶנגעֶן קומעֶן, זוך דיר אוים אַנ'אַנדרעֶרעֶ, אַ גליקליכערעֶ פון מיר.

חנון: דײַן עֶרעֶל=מוטה. דײַן עֶרהאָבעֶנעֶר גײַסט מאַכט דיר העֶכעֶר פון אַלעֶ ווײַבעֶר אין דעֶר וועֶלט. אָ, שעֶנעֶ צפורה! איך בעֶט דיך פערגעֶס ניִשט, אַז איך בין העֶרשעֶר! איך קאָן און וויל און דו מוזט מײַנעֶ זײַן!

צפורה: צווינגעֶן ווילסטו מיך? האָסט זיך פערליִבט אין מײַן שעֶנהײַט? אָ, חנון! אַ מאַרמאָר=בילד קאָן פיעל שעֶנעֶר זײַן ווי איך, און וואָלסט עֶס פיליײַכט אויך גיכעֶר קעֶנעֶן בעֶלעֶ=בעֶן ווי מײַן האַרץ עֶרוואַרמעֶן (זי קניעט). זעֶה די קעֶניגעֶן צפורה פאַלט פאַר דײַנעֶ פיס. (העֶבט זיך שנעֶל אויף) נײַן, נײַן! אַ קעֶניגעֶן דאַרף ניִשט קניעֶן (פאַנטאַזירט). אָ, פערצײַהעֶ מיר שלמון! איך בין די זעֶלבעֶ ווי געֶוועֶזעֶן, קוק מיך ניִשט אָן מיט אַזעֶלכעֶ בעֶזעֶ אויגעֶן!...

חנון: אונדאַנקבאַרעֶ! איז דאָס דעֶר לוין דעֶרפאַר וואָס איך זוך דײַן פריעֶדעֶן?

צפורה: (איראָניש) פריעֶדעֶן? דו און פריעֶדעֶן! טריפט דעֶן ניִשט דײַן שוועֶרד מיט אונשולדיג בלוט? האָסטו ניט אויסגעֶשלאַכטעֶט די אַלעֶ, וואָס האָבעֶן בעֶוויינט מײַן מאַנ'ס טויט? און דעֶם אַלטעֶן עֶהרליכעֶן אָמון, וועֶר האָט עֶרמאָרדעֶט? אָ, דו פרעֶכעֶר! דו טיראַן! אַוועֶק געֶה פון דאַנעֶן, אַוועֶק מעֶרדעֶר!

חנון: (ציהט זײַן שוועֶרד) שטיל דו פערברעֶכעֶרעֶן! איך בין קעֶניג! (הויבט זײַן שוועֶרד איבעֶר איהר, און זעֶצט זי באַלד צוריק) אָבעֶר נײַן! איך קאָן ניִשט! דײַן שעֶנהײַט, צפורה, צינדט אין מיר אָן ליִבעֶס פײַעֶר, אָבעֶר לעֶשט אויך אוים מײַן פײַעֶרדיגעֶן צאָרן. זײַ רוהיג, עֶס וועֶט דיר קײַן שלעֶכטס ניִשט געֶשעֶהן, מײַן האַרץ איז דײַן.

צפורה: (איראָניש) דײַן העֶרץ? חאַ, חאַ, חאַ! אַ טיראַנישעֶס העֶרץ! אָ, וואו נעֶהם איך אַ דאָלך דײַן טיראַנישעֶס העֶרץ דורך צובאָהרעֶן. מעֶרדעֶר! וועֶר האָט דעֶן בעֶוואָגעֶן צום פרי=שעֶן מאָרד ווען ניִשט דו? (חנון רוקט זיך צוריק ציטעֶרעֶנד) דו ציטעֶרסט, דײַנעֶ בעֶזעֶ געֶוויסעֶן פלאָגעֶן דיך, שעֶם דיך קלײַן

מענשעלע! ווי נידעריג זעהסטו אויס אין מיינע אויגען (ער דרעהט זיך אום פון איהר). דו ווענדעסט דיינע אויגען פון מיר אוועק, זאג טיראן, ווער האט דעם מערדער געדונגען? ווער האט דעם שקלאווען בעצאהלט פאר דעם שענדליכען מארד? ווער? נישט דו אליין, הא?

חנון: בעצאהלט, אבער נישט געדונגען. און נישט בעפוילען! איך האב נישט געוואוסט, מען האט עס מיר בעגאנגען ... אונפערהאפט... צפורה, שרעק מיך נישט מיט דיינע שרעקליכע בליקען (ער ציטערט).

צפורה: ציטער שקלאווע, מיך האסטו געוואלט שרעקען מיט דיין שווערד. אבער ניין, א קעניגען שרעקט זיך נישט ווען איהר שקלאווע וויל זי ערמארדען! דיינע הענד מוזען געלעהמט ווערען. עהדער זיי בעוועגען זיך געגען דיין קעניגען! קניע אנידער שקלאווע פאר דיין הערשערען, פאל אויף דיין פנים דו טיראן. הער איך בעפעהל עס! (ער פאלט מעכאניש אויף די קניע). אזוי! קניע פאר דיין הערשערען, דו שקלאווע! א רעכטפערטיגע קעניגען קאן שטארבען, אבער ציטערן, ניע אין לעבען!.. (אב צוריק אין שלאס).

חנון: (נאך א קליינע פויזע) איך קניע! איך, דער מעכטיגער קעניג — פאר א שוואכעס ווייב! איך האב געבראכען מיין קעניגליכען שטאלץ! און דאך האט זי מיך פעראכטעט, מיך צוריק געשטויסען. א, צופיעל! (ער שטעהט אויף, וויטענד ציהט ווידער זיין שווערד) צופיעל דו שוואכעס ווייב! מיט מיין שווערד האב איך מיין טראהן ערווארבען! אויף דער שווערד איז מיין שטאלץ, און פאר דער שווערד מוז זיך אויך דיין נארישער שטאלץ בויגען! איך וועל דיך נויטען זאלסט מיין שקלאווע ווערען! מיט מיינע פים וועל איך דיך טרעטען! איך וועל דיך לערנען ווי פאר דעם קעניג צו רעספעקטירען! (ער לויפט אב צארניג נאך איהר אין שלאס אריין. אויפטריט שלמון און בן הדור אלס פרינץ).

שלמון: מיט א דאפעלטע וואך איז בעוואכט דער שלאס ארום און ארום, מען לאזט קיין לעבעדיגען מענש צו איהר נישט צו. און דאס פאלק קען דאס אלץ אזוי רוהיג צו זעהען?

בן הדור: אַלטער! ווען דו האָסט עטוואָס צו בעפֿעלען דער קעניגען קאָנסט עס דורך מיר בעזאָרגען, באַלד וועל איך זיין ביי איהר.

שלמון: און דו יונגער מאַן, קאָנסטו מיר פֿילייכט דערצעהלען וואָס דו האָסט דער קעניגען צו מעלדען? אָדער איז דאָס אַ געהיימנים?

בן הדור: קיין געהיימנים, די גאַנצע וועלט מעג עס וויסען! איך וויל איהר זאָגען אַז דער פּרינץ בן הדור האָט געבעטען פֿאַר זיין טויט, אַז זיין מוטער זאָל הייראַטען דעם קעניג חנון, און דער שליח בין איך.

שלמון: אונמעגליך! עס איז אַ ליגענד, דער עדלער פּרינץ וואָלט דאָס נישט זאָגען.

בן הדור: פֿערגעס נישט אַלטער, מיר קאָן מען גלויבען, וויל איך אַליין בין דער מערדער פֿון פּרינץ.

שלמון: (ציהט זיין דאָלך) דו ביסט דער מערדער פֿון מיין... פֿון דעם פּרינץ! עלענדער, לענגער זאָלסטו נישט לעבען.

בן הדור: (כאַפּט איהם אָן די האַנד) איך בעקום דערפֿאַר דעם קעניגס טאָכטער פֿאַר אַ פֿרוי.

שלמון: (צו זיך) לענגער קאָן איך מיך שוין נישט פֿערשטע־לען! (צו איהם רוהיגער) זאָג דעם טיראַן, אַז זיין מיה איז אומזיסט, דען עס לעבט נאָך איינער וואָס וועט פֿון איהם ראַכע נעמען. איך בין נאָך גענוג יונג, געזונד, פֿול לעבען און לוסט! הער אויס, געדוּנגענער מערדער און ציטער צוזאַמען מיט דיין הערן!

בן הדור: ווי איך זעה יונגער־אַלטער, ליעבסטו זעהר דעם פּרינץ בן הדור, האָסטו איהם איך פֿערזענליך געקענט?

שלמון: איך האָב איהם געקענט, אָבער אַלס קליין קינד. מיט זיין פֿאָטער האָב איך צוזאַמען געלעבט, צוזאַמען גע־ליטען, און אַצינד וויין איך צוזאַמען מיט איהם איבער דעם אונ־שולדיגען פֿערגאָסענעם בלוט פֿון זיין איינציג קינד (וויינט).

בן הדור: דיינע טרערען אַלטער צונעמען מיך. אַלטער! איך האָב דיר דיין לעבען גערעטעט, און ווען דו ווערסט

מיך נישט פערראַטהעֶן, וועל איך דיר עֶטוואס פערטרויעֶן. זייַ וויסעֶן אַז איך בין קיין מעֶרדעֶר נישט, און... פרינץ בן הדור לעֶבט!

שלמון: פרינץ בן הדור לעֶבט? אַך, ווי גליקליך! און וואו איז עֶר?

בן הדור: נישט וויט פון דאַנעֶט, און ווען דו ווילסט קאָן איך דיר איהם באַלד פאָרשטעֶלעֶן.

שלמון: אָ ניין, ניין! בעֶהיטעֶ גאָט! עֶהדעֶר דאָ אויף דעֶם מעֶרדעֶרישעֶן פלאַץ, וויל איך איהם בעֶסעֶר קיינמאָל נישט זעֶהעֶן! דאָ איז געֶפעֶרליך, מעֶן זוכט זיין טויט!

בן הדור: אָבעֶר ווען עֶר איז שוין דאָ?

שלמון: בעֶט איך דיך, לויף געֶשווינד, בעֶשוועֶר איהם ווי זיין לעֶבעֶן איז איהם ליעב, אַז עֶר זאָל ווי אַם שנעֶלסטעֶן פון דאַנעֶן פליהעֶן! דען דאָ איז זייַן לעֶבעֶן קיין איין אויגעֶנבליק נישט זיכעֶר!

בן הדור: עֶר ווייסט עֶס, אָבעֶר עֶר לאַכט דעֶרפון.

שלמון: פון וואַנעֶן ווייסטו עֶס? (עֶר שקרעֶקט).

בן הדור: (קוקט זיך אום) שרעֶק דיך נישט אַלטעֶר! איך אַליין בין עֶס דעֶר פרינץ בן הדור.

שלמון: גאָט! זאָל דאָס וואַהר זיין? זעֶה איך עֶס וואַכעֶנד? ביסטו עֶס... מיין... פרינץ, מיין קעֶניג! זעֶה דיין פּאָט... דיין פאָטעֶרס פריינד קניעֶט פאַר דיר (עֶר קניעט).

בן הדור: (הייבט איהם אויף און ציהט זיין דאָלך). אָט דיזעֶר דאָלך, זאָל צייט 24 שטונדעֶן ראַכעֶ נעֶמעֶן פאַר מיין עֶרמאָרדעֶטעֶן פאָטעֶר, און פאַר מיין בעֶלייַדיגטעֶ מוטעֶר!

שלמון: (אויפשטעֶהעֶנד) דו ביסט אָבעֶר נאָך צו יונג און צו שוואַך דעֶרצו.

בן הדור: איך בין יונג דאָס איז וואַהר, און אֶפשר אויך נישט אַזאַ גרויסעֶר העֶלד, אָבעֶר געֶנוג שטאַרק איז מיין אַרעֶם, ראַכעֶ צו נעֶמעֶן פון אַזאַ מעֶרדעֶר. און איך האָף אַז מיין פּאָטעֶרס גייסט וועֶט מיר אויך בייַשטעֶהן... (עֶס הערט זיך טריט) יעֶמאַנד געֶהט, איך דאַרף מיך דאָ נישט ווייַזעֶן. קום אַלטעֶר לאָמיר

אוועק פון דאַנען. (בײדע אָב טיעף אין גאָרטען, אויפטריט עלמות און רחמה).

עלמות: רחמה׳לע, איך שווער דיר בײַ מײַן אונגליקליך לעבען, אַז איך וועל עס קײנעם ניט דערצעהלען. זאָג מיר קאָנסטו דעם מערדער פון פרינץ בן הדור?

רחמה: איך קאָן דיר נאָר אַזוי פיעל זאָגען אַז דער מערדער פון דעם פרינץ איז זעהר אַ נאָהנטער פרײַנד פון דיר, און דאָס איבעריגע דאַרפסטו אַלײן פערשטעהן.

עלמות: איך פערשטעה וועמען דו מײנסט... מײַן פאָטער. אַך ווי עלענד און אונגליקליך איך בין (ווײנט, חנון קומט צוריק פון שלאָס און בעמערקט ווי זי ווײנט).

חנון: וואָס איז דאָס? אַלעס פרעהט זיך איבער מײַן זיעג! און דו מײַן טאָכטער ווײנסט?

עלמות: פערצײַהע פאָטער, דאָס זענען מיטלײדס טרערען, איך האָב געשפראָכען מיט דער געפאַנגענער קעניגען, זי בעט דיך זאָלסט איהר פערשוינען מיט דײַן ליעבעס אַנטראַגע.

חנון: נײן! זי זאָל מעהר ניט שפאָטען פון מיר, זי מוז זיך דאַצו ענטשליסען, זי מוז מײַנע זײַן.

עלמות: פאָטער, האָב מיטלײד! טהו עס מיר צוליעב! אַזוי לאַנג ווי צפורה ווײנט, קאָן איך מיך ניט פרעהען.

חנון: און אַזוי שפריכט מײַן טאָכטער? נײן! ניט קײן טאָכטער ביסטו מײַנע, נײן!

עלמות: פאָטער!..

חנון: שווײַג! ווען דײַן לעבען איז דיר ליעב זאָל איך אַזעלכע טרערען מעהר ניט זעהן! ציטערען מוז יעצט אַלעס פאַר מיר, ניט קײן פאָטער בין איך דיר! זעלבסט־הערשער בין איך אין גאַנץ אַראַביען, אַלע מײַנע פײַנדע האָב איך בעזיעגט, דער אײנציגער פײַנד פאַר וועלכען איך האָב זיך געשראָקען לעבט שוין אויך ניט! דער פרינץ בן הדור איז טויט.

עלמות: איך ווײס, מען האָט איהם ערמאָרדעט! און אָפשר נאָך מײַן אײגענער...

חנון: עלמות! צופיעל קלאָגסטו נאָך דעם פרינצען! זאָג, האָסטו

נישט געהאט מיט איהם עפּעס געהיימע בעציהונגען? זאג!
איך וויל עס וויסען!

עלמות: יא! אבער דער פּרינץ בן הדור איז שוין טויט, ער דאַרף שוין פאַר דיר נישט מורא האבען! און איך— וואס קאנסטו מיר טהון? וואס קאנסטו מיר מעהר אונגליקליך מאַכען ווי איך בין? —זיי וויסען אַז איך האב געליעבט אַ פּישער־יונגע.

חנון: און ווער איז דער פּישער־יונג געוועזען?

עלמות: בן הדור פּרינץ פון אַראַביען.

חנון: (שליידערט זי אַוועק) שלאַנג, אַוועק פון מיינע אויגען! דו האסט נישט די ווערט מיין טאָכטער צו זיין!

רחמה: (ביי זייטע) ער איז נישט ווערט אַזאַ טאָכטער צוהאבען!

חנון: (צו עלמות) ווען דיין לעבען איז דיר ליעב, זאלסטו דער קעניגען צפּורה קיין ווארט דאַפאן זאגען, ביז זי וועט נישט מיינע זיין.

עלמות: די קעניגען ווייסט שוין! איך האב איהר צו געשוואָה־רען, צו פערבלייבען אויף עוויג איהר טרייע טאָכטער, און אַז איך וועל זי מיט אַלע מיינע קרעפטען שיצען פאַר יעדע אונגערעכטיגקייט... און אַז דו ווילסט קאנסטו מיך טויטען!

חנון: יא, איך טויטע דיך (ער האַפּט זי אָן) מיט מיינע אייגענע הענד וועל איך דיך דערווערגען!

רחמה: הילפע, הילפע! (שלמון קומט אַריין צו לויפען האַפּט אָן חנון, און שליידערט איהם אַוועק).

שלמון: שטעה, אונמענש! הער גאטעס שטימע! זי בעפעהלט לא תרצח! דו זאלסט נישט מאָרדען!

חנון: ווער האט דיר דאס רעכט געגעבען מיך צו וואהרנען?

שלמון: דער. וועלכער האט געהרג'ט דעם ברודער־מערדער קין. אַיה הבל אחיך? וואו איז דיין ברודער? דו מער־דער! איך הער זיין שטימע! איך הער דאס רוישען פון זיין אונ־שולדיג בלוט! (בליקט איהם שטאַרק אָן).

חנון: מענש, ביסטו וואַהנזיניג! וואס קוקסטו מיך אַזוי שוידער־ליך אָן? וואַכע, וואַכע! (עס קומען אָן צו לויפען מילי־

טער) פֿערטהיידיגט די עהרע פֿון אייער קעניג! (די מיליטערישטען וואַרפֿען זיך אויף'ן אַלטען).

עלמות: (אויף די קניע) פֿאָטער האָב מיטלייד מיט זיין גרויעס האָר!

רחמה: פֿערצייהע איהם קעניג! ער איז נישט מיט אַלעמען.

חנון: (שטויסט אַוועק עלמות'ן) אַוועק געה פֿון מיינע אויגען! ער איז אַ שפּיאָן, אַ פֿעררעטער!

באר: אונזער גרויסען קעניג האָט ער דאָ בעליידיגט
אָ דער שופֿט! אָ דער שופֿט!
ער האָט פֿערדינט דעם טויט, יאָ!
מערדער איהם גערופֿען, מערדער איהם גערופֿען!
ציהט יעדער זיין שווערד
שלאָגט איהם יאָ! (4 מאָהל)
טויט איהם שנעלער, אויף דער שטעלע!

שלמון: לא תרצח! דו זאָלסט נישט מאָרדען,
שרייט אַ שטימע פֿון דער ערד.
לא תגנוב! זאָלסט נישט בעגנב'נען.
גנב'ע נישט וואָס דעם צווייטען געהערט.
לא תחמוד! זאָלסט נישט גלוסטען
דיין חבר'ס ווייב. שטראָפֿען וועט דיך גאָט דערפֿאַר,
געטויטעט וועסטו ווערען.
דיין שטימע וועט קיינער נישט הערען
דו ביסט אַ מערדער! דו ביסט אַ טיראַן!

חנון: פֿאָרט מיט איהם אין קערקער געשווינד!
אָ, הערט נישט מיין פֿאָטער, זי איז יאָ פֿאַלש,
פֿאַלש זענען איהרע טרערען!

שלמון: איהר זאָלט איהם נישט הערען,
דען אַ מערדער גלויבט נישט קיין טרערען.
האָט מיטלייד מיט מיר אַצינד!
דען ער וויל, אוי יעצט, גאָר טויטען זיין אייגען, ליבעס קינד!

חנון: פֿאַלש יאָ זענען איהרע טרערען
איהר זאָלט זי קיינער נישט הערען!

שלמון: אֶמת יאָ זעֶנעֶן איהרעֶ טרעֶרעֶן
איהר זאָלט איהם קייַנעֶר ניִשט העֶרעֶן! (אויפּטריִט בן־הדור)
חנון: דאָ קומט דער וואַהרעֶר פּריִנץ!
עֶר זאָל עֶנטשייַדעֶן צוויִשעֶן אונז.
עלמות: פאַטעֶר, פאַטעֶר! מיר איז ניִכט גוט?
בן הדור: מיט פרישעֶן מוטה, ציִרקוליִרעֶן זאָל דאָס בלוט.
זייַט קייַן קנעֶכט, פעֶרטייַדיִגט אייַעֶר רעֶכט!
גאָט האָט בעֶשאַפעֶן שפּיִעז און שוועֶרד;
דער מעֶנש זאָל ניִשט זייַן קייַן שקלאַף.
ווען זייַן עֶהרעֶ איז געֶשטעֶרט,
זאָל עֶר נאָר קעֶמפּפעֶן פאַר זייַן ווערט,
עֶר זאָל ניִשט דאַרפעֶן זייַן קייַן קנעֶכט
בייַ יעֶדעֶן זאָל נאָר פריִדעֶן זייַן. (בּיִם)
שלמון: נאָר פאָרוועֶרטס עֶר שפּריִכט צו מייַן העֶרץ.
עלמות: | קליִנגעֶן זאָל וועֶר נאָר קליִנגעֶן קאָן
טראָמפּעֶטעֶן שאַלט, דראָמעֶלט נאָר אויך פלעֶטעֶן
חנון: | און זיִנגעֶן נאָר וועֶר זיִנגעֶן קאָן
שלמון: | יאָ שאַלעֶן זאָלט איהר מיט טראָמפּעֶטעֶן.
כאר: קינדער פאָרוועֶרטס, יאָ נאָר פאָרוועֶרטס.
יאָ נאָר מוטיג קעֶמפּפעֶן פאַר אונזעֶר לאַנד.
אַלעֶ האַנד אום האַנד,
פאַר אונזעֶר לאַנד, פאַר אונזעֶר לאַנד!

פאָרהאַנג.

דְרִיטֶער אַקְט:

(די זעלבע דעקאראציע. עס הערט זיך א טראמעל=סיגנאל, באלד אויף דעם מארשירען אריין עלמות פערקליידעט אלס אנפירער פון מיליטער, נאך איהר רחמה אלס אדיוטאנד און נאך זיי מיליטער מארשירען איייניגע מאל ארום דער בּיהנע און געהען אב אונטער'ן פּאַלאַץ).

באר: סאָלדאַטען זענען מיר,
פרעהליך גאר אהן א שיעור.
מאַרשירען איבעראַל,
בּיים קאנאָנען=שאַל.
דאָס איז דאָך זעהר שען
די ערשטע מוז נאר געהן
ביי דעם קאנאָנען=שאַל,
מאַרשירען איבעראַל.

עלמות: (אונטער די קוליסען) צום קאַמפּף,
פאַלען מוז דער לייב פאַר אונזער מאַכט (ערשיינט).

באר: גאַנצע טעג נאָר ערצילען,
טאָג און נאַכט נאָר שיצען
ווען קאנאָנען אונז בּעגריסען
און די בּיקסען שיסען
מענשען=בּלוט רינט אין דער גאַס.
סאָלדאַטען מאַכט קיין שפּאַס!
צושטערט, צובּרעכט דעם פיינדעס מאַכט
מיט פיעל גלאַנץ און פּראַכט.

עלמות: איינס, צוויי, דריי, פיער, א פייער שאָס!
פאַלען זאָל דער פיינד פאַר אונזער מאַכט.

עלמות, און באר: מאַרשירט מיט קוראַזש
פעהלט קיין ציעל!

איינס צוויי, דריי,
מאַן ביי מאַן ביי'ם פּלעטען שפּיעל.
ביי'ם קאַנאָנען שאַל ציעלען איבעראַל! (אָב).

צירעה: (קומט, קוקט זיך אום איבעראַל) וואָס פאַר אַ ליאַרעם!
מיין אונגליקליכע קעניגען איז נאָר וואָס איינגעשלאָ-
פען. אך דו אונגליקליכע! זי קען קיין אויג נישט צוטהון. נישט
זי עסט, נישט זי טרינקט, נישט זי שלאָפט. וואָס וועט נעבעך
זיין פון איהר דער סוף! שוין איבער צעהן יאָהר אַז זי זיצט אַזוי
דאָ געפאַנגען. טאַקע אין פּאַלעצען, אָבער דאָך אַ געפענגעניס.
שרעקליך מוז עס זיין צו זיצען געפאַנגען אין שענע סאַלאָנען!
איך שטעל עס מיר פאָר, פונקט ווי מען זאָל אַנידער שטעלען
מיין לפידות'ן צווישען קרוגען ויין, און טרינקען לא מיט אַנ'אַלף,
אַפילו אַ טראָפּען נישט. אַ שענעם פּנים האָט עס, ווי אַ קאַץ
נעבען אַ שיסעל סמעטענע מיט אַ צוגעבונדענעם פּיסקעל. קוק,
גלאָץ מיט די אויגען אָבער אַ לעק טהון גאָר לא!.. אָדער...
(טראָמעל-סיגנאַל) אַ פּנים עס איז אַצינד 12 ביי נאַכט, און מען
געהט בייטען די וואַך פאַר'ן שלאָס. וואו בעהאַלט מען זיך דאָ
ערגעץ! (זי בעהאַלט זיך אונטער'ן בוים ליִנקס) דאָ וועט מען מיך
נישט בעמערקען! (עס קומען צוריק אָן מאַרשירענד די וואַך מיט
עלמות און רחמה. אַלע שטעלען זיך אַרום טויער, רחמה און
עלמות טרעטען פאָר נעהנטער).

רחמה: אַזאַ יאָהר אויף מיר וואָס פאַר אַ לייב-גוואַרדיע מיר
האָבען, אָבער צו וואָס האָסטו זיי אין מיטען דער נאַכט
צונויף גערופען?

עלמות: דער פאָטער איז אין אַ גרויס געפאַר, איך ציטער
מען זאָל איהם ניט די נאַכט נאָך איבערפאַלען און
ערמאָרדען.

רחמה: עס איז דאָך דאָ זיין וואַך!

עלמות: איך קאָן עס קיינעם נישט פערטרויען, אַליין מוז איך
וואַכען פאַר זיין שלאָף-צימער. (צו דער וואַך) קומט
מיט מיר! (אַלע אָב, רחמה בלייבט).

רחמה: רחמה'לען דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריין

לעגען, ווייל זי קאן איהם נאך אבּ־בּייסען. איך וויים, זי געפינט זיך אצינד צווישען צוויי פייערען, זאל זי אויסזאגען דעם פאטער, פערהאט זי דעם געליעבטען. וועט זי נישט אויסזאגען, פער־ראהט זי דעם פאטער. מוז זי נעבעך שטעהן צווישען די צוויי פיי־ערען און פון ביידע זייטען לעשען, און טאמער וועט עס נישט געהן וועט זי אליין אויך פערברענט ווערען. און דאס האט זי אלץ צו־דאנקען דער ליעבע... א, איך דאנק דיר, גאטעניו! איך בין דאך שוין נישט קיין יונג מיידעלע, שוין אריבער 16 יאהר קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, און בין נאך נישט פערליעבט. און אפילו מיין ירחמיאל׳יקעל, איז נאר גלאט אזוי... דערווייל מוז מען זיך בעהאלטען דא ערגעץ, און ווידער זעהען וואס דא וועט פארקו־מען, אזוי ווי דאמאלס. איך בין טאקע נאך גאר יונג, אבער דאך האב איך ליעב אלץ צו וויסען, עס איז א פערגעניגען צו־זעהען חאטש וואס יענער טהוט... (זי געהט צו צום בוים וואו צירעה איז בעהאלטען, צירעה גיעט א קוויטש) אוי עפּעס א אלטע קאטשקע! (לויפט צום צווייטען בוים און בעהאלט זיך).

לפידות: (קומט פון אונטער׳ן שלאס שיכור) אריין געלאזט דעם

פישער־יונג צו דער קעניגען, און באלד וועט זי מיט איהם ארויס קומען אהער... דארט האט זי מורא א פנים!.. און גערעכט בנאמנות... א שענע קעניגען און... א גראבער פישער־יונג... א קשיה אויף א מעשה... נאר וואס איז מיט׳ן קעניג? לאזט איהר אויף דער ליבּטיגער שיין נישט ארויס... קיינעם צו איהר נישט אריין... ער איז אייפערזיכטיג... און גערעכט, בנא־מנות שלי, ווי איך בין א יוד דערצו... שען ווי גאלד... נישט צוגלייכען ווי מיין צרה!.. (צירעה קוויטשעט פון אונטער׳ן בוים) א, עפּעס א קאטשקע! א, אויף רחמה׳לען... וואלט איך אויך זיין אייפערזיכטיג! אוי רחמה׳לע (רחמה קוקט אפיר פון בוים, א קוקו!) א א קו־קו־ווקע דארט!.. אבער וואס מיינט ער מיט דעם פישער־יונג? אפשר זי צווינגען? הא... ווילסט נישט א קעניג טא האסטו א גראבען פישער־יונג!.. נו זיי א וואוילע קעגען אזא יונג!.. וואס, ווילסט נישט? א טראסק אין די צייהן... און קום חתונה האבען... (ער גיעט א מאך מיט דער האנד מיט אזא קראפט אז

ער דרעהט זיך איבער און העבט זיך קוים אויף) מען מוז זיך דא ערגעץ בעהאלטען און זעהען וואס א גראבער יונג טהוט... אלץ האב איך ליעב צו וויסען און הערען און זעהען און שווייגען... (ער זוכט צו בעהאלטען זיך וואו. איןביידע זייטען בוימער הערט ער קוויטשען און קו-קו-ווען. ענדליך בעהאלט ער זיך אונטער'ן טויבען-שלאג, עס קומט אן צפורה מיט בן הדור פערשטעלט).

צפורה: זאג מיר יונגער העלד, ווער ביסטו?

בן הדור: א פריינד פון דיין זוהן.

צפורה: זיי מיר הערצליך ווילקאמען. וואו האסטו איהם גע-זעהן צום לעצטען מאל?

בן הדור: ער האט זיין נשמה אויסגעהויכט אויף מיינע הענד. איך בעזיץ זיין נשמה...

צפורה: דו האסט זיין לעצטען זיפץ געהערט! און איך זיין טריי׳ע מוטער האב דערצו נישט זוכה געוועהן!? א, זאג מיר וואס זענען געוועהן זיינע לעצטע ווערטער?

בן הדור: זיינע לעצטע ווערטער זענען געוועהן, אייל צו מיין מוטער. זאג איהר, שוין לאנג געגוג פליסען איהרע טרערען אין געפענגעניס, איהר שטארבענדער זוהן לאזט זי דארום בעטען זי זאל הייראטען מיט דעם קעניג חנון אום עס זאל צוריק-קעהרען רוהע און פריעדען אין מיין ארעמען פאטער-לאנד!

צפורה: וואס! איך זאל דעם צוויי-פאביגען מערדער הייראטען? דעם מערדער פון מיין מאן און מיין זוהן?! און דו זאגסט, אז דאס איז געוועהן זיינע לעצטע ווערטער? א דו עלענ-דער! אויך דו ביסט איינער פון חנון׳ס איבער-געקויפטע!.. מער-דער! געה! איך פעראכטע דיך מיט איהם צוזאמען! (זי וויל אבגעהן).

בן הדור: (פערשטעלט איהר דעם וועג) ערהאבענע קעניגען! (ער וויינט).

צפורה: וואס? דער קראקאדיל וויינט? מענשען! בין איך דען אזוי טיעף געזונקען אז מיינע שקלאווען זאלען פון מיר שפאטען?

בן הדור: איך שווער דיר ביי אלעם אז איך שפאט נישט!

צפורה: (בעדענקענד) ניין? זאג-זשע מיר ווער ביסטו?

בן הדור: איך בין דיין זוהן... דיין זוהנס פריינד! איך וועל דיר יעצט די ווארהייט זאגען: דיין זוהן בן הדור לעבט, אזוי וואהר ווי איך לעב.

צפורה: ער לעבט! מיין זוהן לעבט? און פארוואס האסטו ערשט געזאגט אז ער איז טויט?

בן הדור: (צו זיך) גאט! גיעב מיר קראפט איך זאל מיך נישט פערראהטען! (צו איהר) בן הדור לעבט! ער וואלט יעצט פאר דיר געשטאנען ווען ער זאל נישט מורא האבען אז דיין מוטער־הערץ זאל נישט פאר פריידע ליידען דאביי. גלויב מיר קעניגען! דיין זוהן שטעהט פיעל נעהנטער צו דיר, ווי דו גלויבסט.

צפורה: איז עס וואהר? (נאכדענקענד) אייל דיך יונגער־העלד! פליה! זאג איהם ער זאל זיך זאפארט ענטפערנען. ווייל דער טיראן איז דורשטיג נאך זיין בלוט!

בן הדור: ער ווייסט עס, קעניגען! אבער ער לאכט פון איהם.

צפורה: יונגער־מאן, דו אינטערעסירסט מיך! זאג מיר ווער ביסטו?

בן הדור: א פישער פון חבור. איך פערעהרע דיך קעניגען, ווי אנ'אייגענע מוטער!

צפורה: איך בעשווער דיך נאך אמאל, זאג מיר! לעבט מיין זוהן?

בן הדור: איך שווער דיר ביי דעם אל חי וקים, אז אין א קורצע צייט וועסטו איהם האלטען אין דיינע ארעמס! לעב־וואהל גרויסע קעניגען איך עמפפעהלע מיך.

צפורה: ווארט נאך איין אויגענבליק ווען איך זעה דיך, דאכט זיך מיר אז מיין זוהן שטעהט פאר מיר! מיין הערץ איז ערפרעהט, דו האסט מיר פרישען מוטה געגעבען. מיט גע־דולד וועל איך מיינע ליידען ערטראגען! איך דאנק דיר, יונגער עדלער מאן. זאג מיר, איך בעט דיך, וואס האט מיין לעבעדי־גער זוהן בעפוילען?

בן הדור: הערע קעניגען זיינע ווערטער, גראדע ווי ער זאל פאר דיר דא שטעהן: מוטער! (ווייענט) — זאגט ער צו מיר וויינענד — גאטס וועג איז דונקעל אבער גערעכט. ווען גאט האט בעשלאסען דעם אונטערגאנג פון דער יודישער מלוכה

אין אַראַביען, זאָלען מיר אונטער געהען ווי די זון אין פּולען גלאַנץ! אַזוי האָט ער געזאָגט און זיך שטאַרק צוּוויינט.

צפורה: דערפאַר אָבער זאָל איהם דער גרויסער גאָט בענטשען.

בן הדור: ווען דו קעניגען, ווילסט דיין זוהן בענשען, שיק איהם די ברכה דורך מיר, און איך וועל זי איהם איבערגעבען וואָרט אום וואָרט. (קניעט) איך בין בערייט קעניגען דיין זעגען צו עמפּפאַנגען.

צפורה: גאָט! מיינע ליידען זענען געהיילט! הערצו דאָס געבעט פון אַ מוטער: גרויסער גאָט פון ישראל! וואַך איבער מיין קינד, שיטץ זיין יוגענד, זיי זיין אַנפיהרער אין די גרעסטע געפאַהרען, שטרעק איהם אויס דיין האַנד ווען ער פאַלט, און פיהר איהם צוריק אויף דעם טראָהן פון זיין פאָטער, אָמן!

בן הדור: אָמן! (זי הויבט איהם אויף) אויף מיין גאַנץ לעבען וועל איך קיין איינציג וואָרט פערגעסען.

צפורה: היינט וועל איך פון צייט 17 יאָהר אַהער די ערשטע נאַכט קענען רוהיג שלאָפען. גאָט זאָל עס דיר בעלוינען! קום יונגער העלד! (ביידע אָב, רחמה, צירעה און לפידות זינגען פון זייערע בעהעלטניסע).

לפידות: קראַ, קראַ! זאָל מען מיינען איך בין אַ וואָראָנע.

צירעה: איך שווער דאָס איז דער טרינקער, מיין מתנה...
קוואַ, קוואַ! זאָל מען מיינען אַז איך בין אַ זשאַבע.

לפידות: איך וואָלט געשוואָהרען, עס איז מיין אַלטע שקראַבע...

רחמה: קו, קו! זאָל מען מיינען אַז איך בין אַ קוקאַווקע.

לפידות: דער קוקוק, זעהט איהר, געפעלט מיר דוקא.
קראַ, קראַ, קראַ, קראַ, ווער איז עס דאָרטען דאָ?

צירעה: קוואַ-קוואַ, קוואַ-קיואַ, קיינער איז נישטאָ!

רחמה: קו-קו, קו-קו.

לפידות: קראַ, קראַ, קראַ, קראַ.

צירעה: וואָס קראַקעסט דו, אַלטער שכור?
וואָס איז דאָ געשעהן
מיט דער קוקאַווקע זים ווי צוקער?
איך וואָלט געוואָלט זי זעהען.

לפידות: וואָס קגואַקעסט דו אַלטע שְׁפֵלָה
ס'ווייסט מײַן הערץ, איך שווער
די קוקאַווקע איז אַ וואָהלע
קומט־זשע נאָר אַהער! (אַלע געהן אַפּיר)

רחמה, נאכהער אלע דריי:

נישט זײַן אַ מענש נאָר זײַן אַ קוקאַווקע
איז שוין באַלד כּדאַי
איך וואָלט געפלויגען ווי אַ פויגעל
גאָר פראַנק און פריי.

צירעה: נישט זײַן אַ מענש חאָטש אַ וואָראָנע, איז כּדאַי
געגעבען וואָלט איך אויף מײַן שכּור אַ שפּײַ,

לפידות: נישט זײַן אַ מענש האָטש אַ זשאַבע איז כּדאַי
וואָלט איך געווען פון מײַן צרה פריי.

אלע: קו־קו! קראַ־קראַ! קוואַ־קוואַ!
דער פויגעל מיט זײַן פליגעלע
דער שיכּור מיט זײַן קריגעלע
דער וואָלקען מיט זײַן רויך
פליהען אַלע אין דער הויך.
יעדער וויל נאָר וואַנדערן
פון איין אָרט צום אַנדערן... (טאַנצען).

(עס קומט אָן חנון נאָך איהם עלמות מיט'ן כּאָר פון לינקס טיעף פון גאָרטען. דאָס מיליטער בלײַבט שטעהן אַרום טויער).

עלמות: פאָטער! אַ גרויס געפאַהר שוועבט איבער דיר! היט דיך נאָך די נאַכט! איך האָב מיך אַליין פערקלײַדעט, אום דיך צו היטען...

חנון: נאַריש קינד! חנון לאַכט פון יעדען געפאַהר. גלויבסטו אַז איך בעזיץ אַ ווײַבערשע נשמה אַזוי ווי דו?

לפידות: מען רעדט געשמאַק אַז בן הדור לעבט.

עלמות: פאָטער! מיר שטעיט זיך שלעכטעס פאָר!

חנון: איך זאָל שרעקען? איך, חנון, פאַר אַ נידעריגען שקלאַווע? אָ, ניין! (ער לאָזט זיך געהן אין שלאָס).

עלמות: איך מוז מיר אנדערש ראטהען · (רופט) וואכע! אהער!
(זיי קומען נעהנטער און שטעלען זיך אונטער עלמות און רחמה). איהר וועט מיר העלפען, מיינע פריינד, פון געפאהר צו פערהיטען זיך פון ביידע זייטען.

רחמה: מיר וועלען קעמפפען ווי די העלדען! (עס קומען אן צפורה און בן הדור פון שלאס קעגען איבער חנון · חנון בלייבט שטעהן).

חנון: קום נעהנטער, שקלאווע! זאג! ביסטו דער זעלבער פאר וועלכען דו האסט דיך אויסגעגעבען? דו שוויגסט?.. שופט! ציטער ווען דו האסט מיך בעטראגען! (וויל איהם שטעכען).

עלמות: (שטעלט זיך אין מיטען) האב מיטלייד! געדענק דיין שבועה!

רחמה: (שטויסט אוועק בן הדור'ן און שטעלט זיך נעבען עלמות) מיר וועלען איהם אבהיטען.

חנון: (צו צפורה'ן) און דו שטאלצע קעניגען! האסטו דיר די זאך גוט איבערלעגט? עס איז די העכסטע צייט, דיין פערניכ-טונג זאל בעזיעגען דיין נארישען שטאלץ, און זאלסט שוין צוהע-רען די זיסע שטימע פון דער ליעבע!

צפורה: אומזיסט איז דיין בעמיהען, מיין ענטשלוס ווייסטו שוין!

חנון: ווילסטו דיך מיט געוואלט אומגליקליך מאכען?

צפורה: אין געגענטהייל! איך וויל עס נישט! און דאדורך וויל איך פון דיר נישט וויסען...

חנון: רייץ נישט אויף מיין גרים-צארן, שטאלצע צפורה!

צפורה: (שטאלץ) קעניגען, הייס איך פאר דיר!

חנון: (בעטענד) קעניגען! צפורה! נאך האסטו צייט צו רייכען מיר דיין האנד.

צפורה: וועמען? דעם מערדער פון מיין מאן? קיינמאל!

חנון: איז דאס דיין פעסטער בעשלוס?

צפורה: יא, און דו עווינער גאט! שיטץ מיך פון דעם טיראן!

חנון: (ערגעגט) צעהל דיך מיט דיינע ווערטער!

צפורה: איך צעהל זיי, און דו חנון הער! מיין פלוך זאל דיך עווינ פערפאלגען! דיין וועג זאל שטענדיג מיט בלוט

פערגאסען זיין! טויט און פערדערבען זאל זיין דיין האלציימס־פעסט! ביי דיינעם לעבען זאלסטו זעהען דאס גהינם! פערשאל־טען זאלסטו זיין פון גאט און פון מענשען—הימעל און ערד זאלען דיך אויף אימער און עוויג פערפאלגען, און די נאטור זאל דיר בעצייכנען ווי קין'ען מיט'ן נאמען: מערדער! טיראן!

הנון: (בעז) שווייג דו וואהנזיניגע! וואכע! טהוט אייער פפליכט! שלעפט זי מיט געוואלט אין דעם האלציימס זאל! (די וואכע נעהמען איהר).

צפורה: האט מיטלייד, מיט א שוצלאזע פרוי! גאט נעהם דו דיך אן פאר מיר! בן הדור מיין זוהן! ווען דו זאלסט זעהען, וואס דער טיראן מאכט מיט דיין מוטער!

הנון: (בעפעהלט) פיהרט זי אוועק! (בן הדור לויפט אריין).

בן הדור: (שטאלץ) האלט איין דיין צארן!

הנון: פאנגט איהם אויך!

בן הדור: מיך? שטארב דו מערדער! (ער וויל איהם שטעכען מיט זיין דאלך, עלמות פאלט אריין אין דערמיט).

הנון: מערדער! מיט א טויזענד־פאכען טויט זאלסטו שטארבען! ביז דו וועסט בעקענען דאס געהיימניס!

בן הדור: עלענדער טיראן! איך פעראכטע דיך און דיינע דראָ־הונגען! איך וויל מיך פאר דיר מעהר נישט פער־שטעלען! (ער רייסט ארונטער זיין בערדעל) זעהסטו ווער איך בין? איך בין בן הדור דער פרינץ פון אראביען!

צפורה: (פאלט אויף בן הדור'ן) מיין זוהן!

(זיי אומארמען זיך, חנון בלייבט שטעהן ערשראקען, רחמה האפט ארום עלמות'ן, און נאך א פויזע ווייזט אן הנון דער וואך און זיי רינגלען ארום צפורה'ן און בן הדור'ן).

פארהאנג.

פירטער אקט.

(עס שטעלט פאָר אַ טראָהן-זאַל בעוואַכט אַרום מיט מיליטער, פון דער זייט לינקס אַ גרויס פאָלק פערשטעלט ווי בעטלער. באַר זינגט; בעת דעם זינגען טראָגט מען אַריין שלמון'ען אויף דעם קעניגליכען טריאוּמף-וואָגען אַרום מיט פענער — חנון און דאָס מיליטער לאַכען).

באר: מיר זענען בעטלער
און בעטלען ניט...
מיר זענען שלעפער
און שלעפען זיך ניט...
אויך בלינדע זענען מיר
גאָר אָהן אַ שיעור,
און פיהרען מוז מען אונז תמיד
איינער פריהער (מען טראָגט אַריין שלמון אַלס בעטלער).

שלמון: איך בין דער בעטלער-קעניג
און בעטעל גאָר אָהן אַ שיעור...
וויפיעל מען גיעבט מיר איז אַלץ וועניג,
ווייל איך בין אַ קאַליקע אויף אַלע פיער...

באר: מיר מאַרשירען און שפּאַצירען אַרום די וועלט
און שפּאַצירען און קאַסירען איין דאָס קצבה-געלד,
וואו ס'איז אַ שמחה ווייסען מיר באַלד,
אָבער בעטלען שטיל אָהן אַ געוואַלד...

חנון: בראַוואָ מיינע געסט! היינט זאָלט איהר ביי מיר בעקומען אַזוי פיעל צו פרעסען און צו טרינקען, אַז איהר זאָלט קענען דערנאָך אַ גאַנץ יאָהר אייערע מיילער פערשליסען.

שלמון: קאָן דער אַלטער בעטלער אויך וויסען וואָס פאַר אַ יום-טוב איז היינט?